# דער יוד

# DER JUDE

## צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך. פערלאג: חברת „אחיאסף“.

קראקוי, אב תרס״ב. פיערטער יאהרגאנג. Krakau, 14 August 1902.

נומר 33


### אינהאלט:


א) דער נאציאנאל־פאנד — ש. ראזענפעלד.
ב) פאליטישע איבערזיכט — י. ל.
ג) פון דער פוילישער פרעסע. — א לעזער.
ד) יודישע שטעדט און שטעדטליך. — די כיהן.
ה) די יודישע וועלט.
ו) אלגעמיינע וועלט־נייעס.
ז) מיין ליעד, (געדיכט). — מנחם מענדל הורוויץ.
ח) קליינינקייטען, (בילדער). — אברהם רייזען.
ט) מטות און מסעי (ערצעהלונג). — ד. פרישמאן.
י) מעדיצינישע ידיעות. — ד״ר ג. לעווין.
יא) טעכנישע אנטוואָרטען.
יב) א פעקיל מעשיות (פעלעטאָן). — גוט־מארגען.



צוזאמען מיט דיזע נומער איז ארויס

די פיערטע נומר פון „דער יוד“

## צווייטע בילינע אויסגאבע

וועלכע ענטהאלט פאלגענדעס:

לייטארטיקעל: פאלשע חתנים און ווייטע גליקען. זכאי. — פאליטישע ידיעות (פאר וואס האבען זיך די בורען אונטערגעגעבען? א מלחמה מיט די פרומע חבירות. האלאנד און דער דרייבונד, דאס מיניסטעריום אין רומעניען, דייטש־לאנדס האנדעל אין טערקיי, דער ארמענישער קאנגרעס, א ווייטער גאסט, מרידה אין האיטי). — קארעספאנדענציעס: (קיעלץ, הארזל, קאפוליע, וואלק, קאמענעץ ליט., יעקאטערינסלאוו, רעוועל, קאל. לונאווא, קיעוו, וויעניצא). — היגיענע. — קליינינקייטען (בילדער) אברהם רייזען. — די יודישע וועלט (די יודען אין גאליציען, בילדונג, עמיגראציע, געשעפטען און מלאכות). — איבער דער גרויסער וועלט. — א פאר פאלק. (פעלעטאָן) יכנה״ז.

דער פרייז פון „דעם יוד צווייטע אויסגאבע“

**2 רובעל א יאהר.**

דער אבאנענט פון דעם „יוד“ צווייטע בילינע אויסגאבע, האט אויך דאס רעכט, אזוי ווי דער אבאנענט פון דער גרויסער אויסגאבע, צו אבאנירען דעם מאנאטליכען זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ פיר **1 רובעל א יאהר** (מיט פארטא 1.50).

דער פרייז פון דעם „יוד“ צווייטע בילינע אויס־גאבע אויף א האלב יאהר פון 1 יולי אן ביז ענדע יאהר איז נישט מעהר ווי 1 רובעל. (מיט דעם זשורנאל „די יודישע פאמיליע“ פון אנפאנג יאהר אן 2.50 ר׳)

!! פראספעקטען ווערען אויף פערלאנג געשיקט אומזיסט !!

פראָבע־נומערן זענען צו בעקומען צו זעהען ביי אלע אונזערע אגענטען אין יעדער שטאדט און אין פיעלע יודישע בוכ־האנדלונגען.

אין אמעריקא איז צו אבאנירען דעם „יוד“ אין „די יודישע פאמיליע“ אויך אללע אויסגאבען אחיאסף׳ס
בײ: S. Kantorowitz New-Jork 4 Rutgerstr. 4

## א סורפריז פיר דאמען!



די נייערפונדענע מאשינקע „האפטאגראף“ אטענט נו׳ 1412 צום ארטיסטישען העפטען. דאס צוואנציגסטע יאהרהונדערט, וועלכעס איז אזוי רייך מיט ערפינדונגען האט אויך געבראכט די דאמען א נייעם „האפטאגראף“ דורך וועלכען יערער קען אהן פארהעריגע פארבערייטונג שען העפטען אויף מעבעל, קאוויארען, פארהענגע, טישטיכער, קישענס א.ז.וו. צו ארבעטען איז זעהר אנגענעהם און מען דארף נישט אנשטרענגען די אויגען אין עס פערמאטערט נישט. מיט הילף פון „האפטאגראף“ קאן מען אויס-העפטען אין איין שטונדע מעהר ווי מיט דער האנד א גאנצען טאג. אין אויסלאנד איז דער „האפטא-גראף“ אזוי פערברייטעט אז עס איז נישטא קיין איין הויז, וואו ער ווערט נישט בעניצט. ער איז זעהר א גוטע פערוויילונג און בעדערפטיגע ברענגט ער א זיכערען פערדיענסט. דער „האפטאגראף“ וועט מאכען איין גרויסע ענדערונג אין פרויען-האנדארבייט

פרייז מיט פארטא 4,85 רובעל, פער נאכנאהמע 4,95 ר׳. אילוסטרירטע אנווייזונג אומזיסט.
אדרעסע:

577 І. Французъ, Варшава, Королевская 49

## חירורגישע אנשטאלט

### ווארשא, מוראנאווסקא נו׳ 3.

אין דער ניי נעעפענטער חירורגישער אנשטאלט אין (מוראנאווסקא נו׳ 3) ווערען אנגענומען קראנקע אויף פערשיעדענע אפעראציאנען.

פרייז פער בעט, טעגליך, מיט טיש און ערצטליכער בעהאנדלונג פון 1,50 ר׳ אן. בעזונדערע צימער פון 2,50 ר׳ אן טעגליך. די אפעראציאנען ווערען אויסגעפיהרט דורך

**דר. סאלאוויציק.**

587

## די בוכבינדעריי-פאבריק פון א. קאמען
### אונטער דער פירמא „טרוד“
(ווארשא, סאלנא נו׳ 10)

וועלכע עגזיסטירט שוין זייט וויפיעל יאהרען האט זיך יעצט פערגרעסערט און בענייט אין גאנצען מיט גוטע מאשינעריען מיט אלערליי נייע און שענע שריפטען און פראכטפאלע ארנאמענטען (פערציערונגען) — נעמט אן אלערליי בוכבינדער-ארבייטען, הן פיר יחידים הן פיר פערלאגער מחברים און בוכהענדלער געוועהנליכע און פראכטבענדער ווי אויך בראשור און קאנטארביכער אין ליעפערט אלעס גוט שנעל אין בעסטער ארדנונג און

== צו ביליגע פרייזען ==

די בוכבינדעריי „טרוד“ ארבייט פיר די פערלאגען „אחיאסף“ און „תושיה“ און פיר פילע בעריהמטע פערלעגער און בוכהענדלער.

די בוכבינדעריי „טרוד“ נעמט אן ארבייט אויך פון דער פראווינץ און ליעפערט אב פער באהן אויך פער פאסט אויף איהרע רעכנונג. 569

## „השלח“ 1902

שנה חמישית

מכתב עתי הדשי למדע, לספרות ולעניני החיים.

המו״ל: חברת „אחיאסף“. העורך: אשר גינצברג.

יצאה לאור ונשלחה לכל החותמים החוברת השביעית (Juli)

וזה תוכן עניניה:

א) התלמוד (סקירה כללית. ט). תלמודי.
ב) שפת עבר וספרותה. י״ח טביוב.
ג) הרבי בוכה (ציור). שלמה הלל׳ס.
ד) בית כוזיבא. שמואל קרויס.
ה) עשרת השבטים (המשך). שמעון מנחם לזר.
ו) שאלת הכלכלה ומקומה בתנועתנו הלאומית (המשך). ד״ר ח. ד. הורוויץ.
ז) לבדי (שיר). ח. נ. ביאליק.
ח) לודוויג יעקובובסקי. ר. בריינין.
ט) השקפה כללית (V). ד״ר ש. הלוי.
י) ידיעות ספרותיות.

תנאי החתימה ברוסיא: לשנה — 6 רו״כ, לחצי שנה — 3 רו״כ. לרבע שנה לא תתקבל החתימה כלל.

כתובת המו״ל:

**Издательство „АХІАСАФЪ“, Варшава.**
**Verlag „Achiasaf“, Warschau.**

חותמי ארצות המערב יואילו לפנות ע״פ הכתבת:

Administration „Der Jude“ Krakau, Gertrudag. 16.

המחיר לשנה: 16 קראנען, 13 מארק, 17 פראנק. בארץ ישראל — 15 פראנק. לחצי שנה: חצי המחיר הנ״ל.

עם החוברת הזאת החל הכרך העשירי והחותמים לחצי שנה יואילו נא לחדש חתימתם.

אויסשליעסליך

## אין „אחיאסף“׳ס בוכהאנדלונגען

1) טווארדא נו׳ 6, 2) נאלעווקי, איוואנאו׳ס באזאר

זענען דא צו פערקויפען פאלגענדע ביכער:

## 1) Aus dem Osten

Novellen und Skizzen

von **AGATHE SCHALIT-MEISELS**

**Inhalt:**
1) Die Literatur der Frauen
2) Aus dem Leben eines Autodidakten
3) Die Scheidung.
4) Die Prinzessin
5) Dem Tode geweiht
6) Wandlungen.

450 זייטען 16° באנען, אויף זעהר שענעם פאפיר

צו איין זעהר בילליגען פרייז פון 50 קאפ. (מיט פארטא 70 קאפ.)

## 2) Aufsätze:

1) Unser hellenisirtes Zeitalter und die Juden
2) Ein Symposion der Camenen
3) Die Kölner Dombaufeier und die Anti-Semiten-Liga.
4) Die verschiedenen Formen des Antisemitismus
5) Die Civil-Ehe in Ungarn
6) Der Wunder-Rabbi.
7) Lord Lucifer
8) Moschko von Parma
9) Der Kampf um's Recht.

פרייז ניכט מעהר ווי 25 קאפ. מיט פארטא.

פרייז פיר ביידע ביכער צוזאמען נור 80 קאפ. מיט פארטא.

IV. Jahrgang. **DER JUDE.** Nr. 33

# דער יוד

| | | |
|---|---|---|
| דער פרייז פיר רוסלאנד: | | |
| גאנץ יאהרליך | 5.— | רובל. |
| האלב יאהרליך | 3.— | " |
| פיערטעל יאהרליך | 1.50 | " |

מען קען אויך אויסצאהלען אין 3 ראטען:

| | | |
|---|---|---|
| ביים אבאנירען | — 2 | רובל |
| דען 1טען אפריל | — 2 | " |
| דע 1טען אויגוסט | — 1 | " |

איינצעלנע נומערן 15 קאפ.— 30 העללער.

ענדערן די אדרעס קאסט 20 קאפ

די אדרעסע פיר רוסלאנד:
Издательство
„Ахіасафъ", Варшава.

צייטשריפט
פיר אלע יודישע אינטערעסען.
ערשיינט יעדע וואך.
פערלאג: חברת „אחיאסף".

אבאנאמענטס פרייז יאהרליך:

| | |
|---|---|
| אסטרייך-אונגארן | 12.— קראנען |
| האלביאהריג | 6.— " |
| פירטעליאהריג | 3.— " |
| דייטשלאנד | 10.— מארק. |
| ארץ ישראל | 12.— פראנק. |
| אנדערע לענדער | 15.— " |
| אמעריקא. ענגלאנד | 10.— שילינג |

פרייז פון מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 העללער, 25 פפעניג, 10 קאפ.

די אדרעסע פיר עסטר.-אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration Der Jude,
Krakau, Gertrudy 16.

Krakau, 14 August 1902. — נומר 33 — קראקוי, אב תרס"ב.

## דער נאציאנאל-פאנד.

I.

דער נאציאנאל-פאנד — א נייע אידעע, נייע ארבייט פאר'ן פאלק. רעדט מען פון אלטער, אדער נייער אר ב י י ט פאר'ן פאלק, רעדט מען פון פאלק יודען סתם, דערמאן איך זיך, ניט ווילענדיג, אן יוספ'ן און די גארבען שטרוי, וואס ער האט געזעהן אין חלום.

צו גארבען שטרוי האט מען צוגעגליכען די עלטערן פון יודישען פאלק, צו גארבען שטרוי איז דאס גאנצע פאלק געגליכען.

וואס יוסף האט אין ח ל ו ם געזעהן, זעהען מיר אויפ'ן ו ו א ה ר.

לעגט אונטער פייער אונטער דעם גרעסטען גארבען שטרוי, גיט ער א מינוט א פלאקער, א ברען און קנאקט אנ'אימה; איהר זעהט פלאם און רויך . . . כהרף עין אבער איז שוין אלצדינג אויסגעלאשען, איהר זעהט נור א קאלטען הויפען אש פאר זיך; ניטא מעהר קיין וואַרימקייט, ניטא מעהר קיין פונק.

און גיט א בלאז דער גרינגסטער ווינד, צוזייט ער און צושפרייט דעם אש אויף אלע זייטען, פון שטרוי, פון פלאם-פייער בלייבט קיין זכר ניט.

קיין וואונדער: הויל איז די שטרוי, פוסט איז זי אינעווייניג, אין וואס זאל דען דאס פייער זיך האלטען?

דארף איך דעם משל נאך ווייטער פיהרען? — כ'מיין ס'איז איבריג. יעדערער פון אונז, ווער ס'קוקט זיך צו מיט אפענע אויגען צו אלצדינג, וואס ווערט גערעדט און איבערגערעדט אין אונזער ציוניסטי-שען לאגער, צו די פלאמפייערדיגע ווערטער, צו דער הייסער פארע, וואס זעצט ארויס פון הונדערטער אפענע גרויסע מיילער, צום רעש און קולי-קולות, וואס הערען זיך אומעטום אין אונזער קליין וועלטיל אין אנעוויסער מינוט, און גיט א קוק באלד טאקי, אין א מינוט ארום, צו זעהן, וואס איז דער פועל-יוצא פון דעם גאנצען פייער, הייסער פארע, הויכע קולות? דער זעהט בעשיינפערליך, אז דאס פייער איז ש ט ר ו י-פייער, די פארע — קאלט ווי אייז, אלע קולות — א מין ווידער-קול, אנ'עכא, וועלכער ווערט וואס ווייטער אליץ שוואכער און שוואכער, ביז מען הערט איהם גאר ניט..

און שטיל ווערט ארום און ארום ווי אויף א בית עולם, הויפענס קאלטער אש ליגען אומעטום דארט, וואו מען האט ערשט מיט א מינוט פריהער בערג פייער געזעהן...

קומט דער גרינגסטער ווינד, צובלאזט ער די הויפענס אש אין פערשידענע זייטען; און בלייבט ער אפילו ליגען אויף אנ'ארט, וואסערע נוטצען האט מען פון איהם?

הויל, לעער איז דער יוד, פוסט זענען די הערצער, קיין פונק פייער האט זיך ניט וואו לאנג אויפצוהאלטען, האט ניט אין וואס צו גליהען.

צו שטענדיגער, היסטארישער ארבייט, זענען מיר נאך ניט דער-וואקסען. דער יודישער קערפער, דער יודישער גייסט איז שוין אזוי בע-שאפען. דער יוד איז שטארק אויף אויסצוהאלטען רוהיג, שטילערהייט, דעם גרעסטען עול, די שווערסטע צרות, ער קען ל י י ד ע ן, קומט אבער צום ט ה ו ן, און ווער רעדט נאך צו אזא טהועכטס, וואס דארף דויערען דורות, וואס מען קען ניט שוין היינט אויפעסען דאס פערדינסט פון דער נעכטיגער ארבייט, דא איז ער שוואך קליין, נאריש און טויג גישט פון דאנען אהין.

ווי גרויס ער איז אין ליידען, אזוי קליין איז ער אין טהון.

דאס זעהען מיר אין ציוניזם, דאס זאגען מיר הויך.

קומט מען און מען זאגט אונז אז ביי אנדערע בעוועגונגען, אנ-דערע אידעען און אנדערע אידעאלען זענען יודען שטארק, פעסט און גרויסע טהוער — לאזען מיר זיך ניט שטארק איינרעדען; כשר'ע יודען קענען מיר זיין, ווען מיר ווילען גלויבען די העלפט דערפון, וואס מען דערצעהלט אונז; אמאל קען מען מיט אמונה אין איין פערטיל אויך יוצא זיין . . .

פון דעם, וואס עס טהוט זיך אין האמעל, למשל, ווייסט מען אין מינסק א ודאי צוויי מאל אזוי פיעל און אמאל נאך מעהר, און אזוי פיעל ווייסט מען אין ווילנא פון דעם וואס טהוט זיך כלומרשט אין קאוונא. דאס איז ביי א קליינעם מהלך. וואס דער מהלך איז גרעסער, וואקסט די טהועכטס, אונטער די הענד, אליץ גרעסער און גרעסער, און עס ווערט פון א ווארט א קווארט, און פון א קווארט א פאס . . . אי צו

וואס מאכט מען פון יעדער קליינינקייט א גרויסען ווזען? כדי צו אניטירען, צו שטארקען די שוואכע. ס'איז יעדען איינציגען היימליכער אויפ'ן הארצען, ווען ער מיינט, אז חאטש ארום און ארום קאכט די ארבייט פאר זיין רעיון אונטער די הענד, אז זיין רעיון פערשפרייט זיך אליץ מעהר און מעהר א. ז. וו. אט אזוי נארט איינער דעם אנדערן. פיעל אדער ווייניג, נאר דער עולם איז גענארט. זעהר ווייניג קוקען אליין דעם אמת גלייך אין די אויגען אריין, נאך ווייניגער ווייזען אנדערע דעם אמת . . .

קומט מען און מען זאגט אייך: ביי אנדערע „אידעלען" זענען יודען גרויסע טהוער, זענען די מאסען פון פאלק זעהר טהעטיג — איז דאס ניט ריכטיג. אסור אויב צוליעב דעם אידעאל טהוט דארט דער גרעסטער טהייל יודען — און אויך ניט יודען — דאס וואס זיי טהוען. צוליעב דעם מאגען, וועלכער שפיעלט ביי אלע יענע מעשים א גרויסע ראלע, טהוט דער רוב. דארט זעהען זיי ניכער די מעגליכקייט שוין טאקי מארגען הנאה צו האבען פון זייער היינטיגער ארבייט, ווען דער שטרייך, למשל, גיט זיך איין . . .

פאקטיש, לעבען מיט דעם אידעאל און טהוען ריין פאר'ן אידעאל נור איינציגע מענשען, א גאנץ קליינער פראצענט פון דער מאסע. דאס אידעאל פון דער גרויסער מאסע איז פארלייפיג ניט זעהר הויך, מען קען מסופק זיין, אויב עס איז א סך גרעסער ווי דער מאגען פון יעדען איינציגען מענשען פון דער מאסע...

קענען מיר, ציוניסטען, דעם מאגען פון היינט אויף מארגען ווייניג וואס צוזאגען; מוזען מיר לייגען דאס הויפטגעוויכט אויף דעם אידעאל, וועקען דעם „עולם" צו דער ארבייט פאר'ן כלל, דערווייל הויפטזעכליך פאר'ן כלל, פאר'ן גאנצען פאלק. זאלען מיר זיך ניט וואונדערן, אויב די מאסע אין אונזער לאגער איז ניט אזוי שטארק טהועריש ווי אנדערש וואו.

דערפון ווערט אונז אבער ניט גרינגער. דאס, וואס אין אנדערע לאגערען, איז דער עולם פאר אידעאלען אויך שטארק שלעפעריג, איז פאר אונז קיין טרייסט ניט. דער שטענדיגער שלאף, דער חסרון פון ענערגיע בכלל, איז א שווערע פאלקסקראנקהייט. ווען, וואו און אין וואס פאר א נ'אבר מיר בעמערקען איהרע סמנים, איז זי אונז טיעף מצער.

און ווייל זי איז אונז טיעף מצער, דערפאר ווילען מיר ניט, קענען מיר ניט זי בעהאלטען. אדרבא, אנווייזען ווילען מיר אויף איהר אזוי, אז אפילו גייסטיג־בלינדע זאלען זי זעהן. זאלען זיי זעהן, פיהלען און פערשטעהן — און אפשר זוכען א מיטעל געזונד צו ווערען. אנווייזען ווילען מיר אויף איהר אפילו, ווען מיר ווילען אניטירען פאר אונזער אידעע. מיר ווילען אליין ניט זיין גענארט און ווילען אנדערע ניט נארען; די אנדערע מעגען זיין פריינד אדער פיינד.

ווארום וואס וועט ארויסקומען, אז מיר וועלען זיך כלומרשט אבנארען? סוף כל סוף זעהן מיר דאך, אז נאך זעקס יאהר ציוניסטישער ארבייט האבען מיר קוים הונדערט טויזענד ארגאניזירטע ציוניסטען.

סוף כל סוף זעהען מיר דאך, אז נאך פיער יאהר ארבייט פאר די באנק, האבען מיר קוים געדעקט איין אכטען טהייל דערפון, וויפיעל די באנק דארף האבען.

שוין אכט חדשים, זייט מען האט געגרינדעט דעם נאציאנאל־פאנד, א פאנד, וועלכער דארף העלפען צו דער בעפרייאונג פון דער נאציאן. אכט חדשים! אין דער צייט האט מען ניט ווייניג מליצה'דיגע מאמרים געשריבען איבער'ן נאציאנאלפאנד, ניט ווייניג התפעלות אויסגענוצט, ניט ווייניג הויכע פראזען גערעדט, און נאך...

# פעלעטאן.

## א פעקיל מעשיות

אלטע און שפאניל־נייע, אייגענע און נאכגעמאכטע

פון

א נייעם סארט מחבר,

מיט א הקדמה.

### הקדמה.

ווייסט איהר, וואס איך וועל אייך דערצעהלען, רבותי, — ביי מיר איז געבליבען, איך זאל אנהויבען שרייבען מעשיות, ראמאנען, סקיצען, נאוועלען, און ווי זיי רופען זיך דארטען מיט זייערע נעמען. אזוי איז ביי מיר געבליבען, און איך האב אויף דערויף טאקי כמה וכמה טעמים.

איניגע פון די טעמים זענען ביי מיר ניט קיין סוד, — איך קאן זיי אויך אויסזאגען.

ערשטענס, איז דאס, ווי מען זאגט, א גרינג שטיקעל ברויט, אט די בעלעטריסטיק.

פרובירט נור, זענט מוחל, שרייבען וועגען עפיס א ערנסטען ענין, לאזט זיך נור אריין אין א שמועס וועגען א געגענשטאנד, ווי מען רופט דאס, פון עפיס א כמו־וויסענשאפט, אפילו גאר עפיס פובליציסטיק, — דאן מוזט איהר, במחילה, פריהער לייענען און לערנען. ניט געלייענט און ניט געלערנט וועט איהר אפילו איבער ציוניזם גאר נישט אויפשרייבען. בקצור, דארף מען דערצו ניט זיין מיט א דיפלאם און התמ'ענען זיך דוקא „הקטן" אדער „ד"ר", — נאר עטוואס מוז מען וויסען; לכל־הפחות, מוז מען פריהער לייענען און דערנאך שרייבען.

גאנץ אנדערש איז עס מיט בעלעטריסטיק. שרייבען מעשיות מיט ראמאנען קאן שרייבען יעדער, ווער עס האט נור גאט אין הארצען. איהר מעגט זיין א בור דאורייתא, גאנץ ווייניג געלערנט און האבען וויסענשאפטען אויפ'ן שפיץ מעסער, און דאך שרייבען לאנגע און גרויסע מעשיות, ראמאנען אויף א גאנצע נאכט. גאט זאל נור געבען א שטיקעלע שכל, פערשטעהן ווי מאכען אט דעם עסק, וואקסען אויס ראמאנען ביי אונזערע מאכערס ווי שוועמליך נאכ'ן רעגען. חכמה — וועלכע חכמה? אדרבה, זאגט מיר, איהר האט זיך עפיס אסך חכמה אנגענומען אט פון די אלע מעשיות, וועלכע האבען זיך געדרוקט און וועלכע וועלען זיך דרוקען, אם יוצ'א השם, אין די סך בלעטער מיט די פעליעטאנען? אויף צעהן כפרות בעדארף מען חכמה, אפילו קונסט מיט שענע בילדער מיט פאעזיע, אז עס איז די־והותר עפיס א אויסגעטראכטע מעשה, וועלכע קאן זיין ניט געשטויגען און נישט געפלויגען, מיט עטליכע פאר נוטע גלייכווערטליך, מיט אביסילע זאלץ, נוט געפעפערט, — און שוין, אט פארטיג!... איצטער פערשטעהט איהר שוין, וואס פאר א לחם־הקלוקל, פאר א גרינג שטיקיל ארבייט דאס איז, די מעשה'ליך שרייבען?

דאס איז אייך ראשית, איין טעם. והשנית, ווייעדער מוז איך אייך זאגען, אז שרייבען מעשיות מיט ראמאנען איז טאקי א נוט עסק, פראסט גערעדט אויף יודיש — א גוט געשעפט, עס לוינט בעסער ווי די אנדערע שרייבעריי.

לאמיר שמועסען כסדר. לאז זיין, איהר זענט שוין ברוך־השם יא א חכם, א געלערנטער, און איהר ווייסט שוין וועגען וואס איהר דארפט שרייבען. נו, האט איהר אבגעשריבען וועגען אייער זאך, אבגערעדט וואס איהר האט געוואלט זאגען, און — א גוטען טאג, אראב פון עמוד! מיט די מעשיות־

און נאך האלט מען אין רעדען; דער גארבען שטרוי פֿלאקערט נאך . . .

„שמיד דאס אייזען, ווי לאנג עס איז צוגליהט". כל זמן די התפעלות פֿאר'ן נאציאנאלפֿאנד האלט זיך נאך, וועל איך דאך פרובי־רען עטליכע ווערטער וועגען איהם צו רעדען, אפשר דורכדעם די התפעלות אביסיל לענגער דערהאלטען און דערווייל עפּיס טאקי אויפֿ־טהון פֿאר איהם.

און דעם נאציאנאלפֿאנד פֿול צו מאכען און אזוי צו ערהאלטען, איז אין עצם גאר ניט אזוי שווער. ניט שווער דערפֿאר, ווייל די סומע קען נעזאמעלט ווערען פֿון איינציגע קאפּיקעס, סאנטימען, פּעניגען און דערגלייכען קליינע און קלענסטע מטבעות.

עס פֿערשטעהט זיך, אז ס'איז ניט שווער ביים גוטען ווילען און פֿלייסיגען טהון. ביים שוואכען ווילען אבער און ניט טהון איז די גרינג־סטע זאך איבער די כחות; דערווייל האלט עס דערביי...

דערווייל זעהען מיר, אז דאס גאנצע טהועכטס כמעט פֿאר'ן נא־ציאנאלפֿאנד ביז איצט, איז דאס וואס עטליכע צעהנדליג גבירים האבען זיך געקויפֿט „עליות", זיך פֿערשריבען אין „גאלדענעם בוך", און מיט אמאל זיך אויסגעקויפֿט פֿון דעם נאציאנאלען אבצאהל. דורך אויסקוי־פֿען זיך, קען אבער דער נאציאנאלפֿאנד ניט אויסקומען. דאס צאהלען אין נאציאנאלפֿאנד איז אזא חוב, פֿון וועלכען מען קען זיך קיין מאל ניט אויסקויפֿען און וועלכען מען קען קיינמאל ניט אויסצאהלען. צייט לעבען דארף יעדער יוד, יעדע וואך אדער יעדען מאנאט צאהלען אויפֿ'ן פֿאנד נאך קרעפֿטען. דער נאציאנאלפֿאנד איז דער קהל'ישער פלאץ, וואו יעדער איינציגער קען טהון פֿאר אלע און אלע פֿאר יעדען איינצי־נען, דערפֿאר איז ער די גרעסטע און העכסטע אינסטיטוציע אין ציוניזם.

ש. ראזענפֿעלד.

## פאליטישע איבערזיכט

די גלח'שע שולען. — די ענגלישע קאלאניעס. — אפריקא.

די מלחמה צווישען גלחים און דעם פֿראנצויזישען מיניסטעריום האט נאך אליץ ניט אויפֿגעהערט. אבער די ענטשלאסענקייט, וועלכע עס האט ארויסגעוויזען דער מיניסטער־פרעזידענט קאמב, האט געהאט א גרויסע פעולה. פֿון אלע אסיפֿות און געשרייען איז גאר נישט ארויסגעקומען. די אונרוהען, וואס די גלחים און זייערע פֿריינד רופֿען ארויס, בלייבען ניט מעהר ווי גאסען־אונרוהען, צו וועלכע די פֿראנ־צויזען זענען שוין לאנג געוועהנט געווארען. די גרויסע אונרוהען, וועלכע מען האט געוואלט ארויסרופֿען אין פאריז אויף דעם בעריהמטען פלאץ „קאנקארדיא", האבען זיך נישט איינגעגעבען. א חוץ די קלעריקאלען (אזוי ווערט אנגערופֿען דער גלחישער צד), וועלכע האבען זיך דארט צוזאמענגעקליבען, זענען אויך געקומען פֿיעל סאציא־ליסטען, און בעת די קלעריקאלען האבען געזידעלט דאס מיניסטעריום, האבען די סאציאליסטען געזידעלט די גלחים. אויפֿ'ן פלאץ, וואו עס איז געווען א המון פֿון 50 טויזענד מענשען, זענען געווען אויס־געשטעלט פֿיעל סאלדאטען און פאליציסטען. כל זמן ביידע פארטייען האבען נור געשריען, האט מען זיי געלאזט צו רוה. די קלעריקאלען מיט די סאציאליסטען זענען אבער גיך אריבער פֿון ווערטער צו קלעפּ, און דא האט זיך אריינגעמישט די פאליציי, און זי האט אהן גרויסע שוועריגקייטען אבגעהאלטען דעם המון פֿון געשלעג. פֿרעהליך איז געווארען אויפֿ'ן פלאץ, בעת עס זענען זיך צוזאמענגעפֿאהרען די אריסטאקראטישע דאמען, וועלכע האבען געוואלט נאכציהען מיט זיך די פאריזער פֿרויען און דעם המון, אום צו געהן צוזאמען צום פּרע־זידענטען און פראטעסטירען גענען דעם, וואס עס ווערען פֿערמאכט די גלחישע שולען. די גרויסארטיגע דאמען, וועלכע קומען אבער אזוי

שרייבער אבער, איז דאך א מעשה אהן א עק. עס שיט זיך ווי פֿון א פוסטער מיהל: אי היינט, אי מארגען, אי איבערמארגען, עס וועט נאך סטייען די קינדער אויף ביי טאג, אונז און אייך און גוטע פֿריינד, — אבי איהר זאלט נור צאהלען געלד. עס איז גארנישט, מען דארף נור צוגע־וועהנען דעם עולם, עס זאל זיך איהם ניט געלוסטען קיין פּעטס, קיין ווי־סענשאפֿט, אמת'ע פּאעזיע אדער טאקי שענע בילדער. און דער עולם איז דאך, באמת נערעדט, א שטיקיל גולם. — וואס מען גיט איהם, קייט ער און דערשלינגט. ס'אדאגה, א מעשה איז געווען, אפּאר גלייכווערטליך האט ער געהערט, — נו, וואס בעדארף ער נאך?

פֿארהאן נאך א דריטער טעם. אפֿילו א נארישקייט וועגען דעם צו רעדען, נאר דאך איז דאס א טעם. איך מיין יענץ, געלד מיין איך. אט די קליינגעלד, וואס מען בעצאהלט אונז, שרייבערליך, פֿאר אונזער ארבייט. דער עולם, די לעזער, ווייסען שוין, דאס מיר טהוען ניט נור לשם־שמים, אנטהון זיי נחת־רוח, נאר טאקע צוליעב די קלינגענדיגע. הקצור, אהער־אהין, געלד איז א אינטערעס, און אין פּסוק שטעהט: למען תספר, זאלסט טאקע צעהלען, באזני, אז זאל קלינגען אין די אויערען, בנך ובן־בנך, עס אל סטייען אויך פֿאר די קינדער. שרייבען, זאגט מען, איז א שטיקיל פרנסה. זהיינט אם כן, פרעג איך אייך, וואס בין איך מחויב שרייבען אייך עפּיס גלאט ארטיקלען, הארעווען און שוויצען, און דערנאך געהן און בעטען זיך ביי אייך רחמים, איהר זאלט דאס דרוקען, איינשמועסען אייך און די לע־זער, אז מיינע ארטיקלען זענען סאמע וויכטיגעם, און סוף־סוף וועט איהר טהון מיר א טובה, אז איהר וועט דאס אבדרוקען; ממילא דאך וועגען געלד, וועגען די ביסעלע שכר־בטלה. איז דאך ניטא וואס צו שמועסען. איז דאך מיר גלייכער. אז איך זאל ווערען א מעשה־שרייבער, וועט איהר דאך מיינע שטיקליך אונטערחאפּען מיט ביידע הענד, און געלד, ברודער, וועט איהר מיר צאהלען און צאהלען, מעות ממש, וואס ממש הייסט?

היינט פֿערשטעהט איהר שוין די מעשה, הא? ס'איז פֿארהאן נאך א שטיקיל טעם.

מען דארף שרייבען מעשיות, ווייל די אנדערע זאכען, עטוואס פּוב־ליציסטיק, אפֿילו גאר וועגען וויכטיגע לעבענס־פֿראגען, ווילט זיך עפּי'ס ניט לייענען, מען לייגט דאס אב אויף שפּעטער, אויף נאכמיטאג; און אזוי בלייבט דאס ניט געלייענטערהייט. דער שרייבער האט זיך אויסגענעסען דעם לעבער, געדארט האט איהם דער מח, און האט ארומגערעדט לאנג און ברייט וועגען א אינטערעס, וואס געהט, דאכט זיך, עפּיס אין לעבען כלל ישראל, אדער וועגען ניט דעם גאנצען כלל, איז לכל הפחות די לעזער דאס געעהרטע פובליקום. נו, און מישטיינס געזאגט געווארען, דאס „גע־עהרטע פובליקום" בעקומט די נומער, קוקט איבער מיט א האלבען אויג דעם אינהאלט, און גיט זיך במחילה א קרים מיט די ליפּען, און זאגט: „ע, אויך מיר געפֿונען וועגען וואס צו שרייבען! הא, — דאכט זיך אז איך האב שוין וועגען דעם איינמאל געלעזען?... נו, שפּעטער וועט מען דארפֿען א בליק טהון, וואס דרש'עט מען דא איבער דעם". און אזוי בלייבט דאס, און וועגען א ערנסטען עסק, וועגען עפּי'ס א וויכטיגען ענין, ווייל מען ניט לעזען, און עס איז פשוט ניטא פֿאר וועמען צו שרייבען. אבער עפּי'ס א מעשה'לע, א געשיכטעלע, וואו עס איז פֿארהאן אי א ביסילע רכילות, אי א ביסילע לשון־הרע, וואו עס דאכט זיך אויס, אז דאס האט מען געמיינט יענעם, און מיט דעם האט מען געוואלט אויסלאכען דעם; דאס איז א סאטירע אויף איינעם א בעקאנטען, און יענץ איז א שפּיצעלע אויף דעם צווייטען, — אויף דערויף איז דער עולם א גרויסער בעלן, און חאפּט די שטיקליך ווי מצה־וואסער, מען לייענט דאס אין מיטען עסען, און מען שמועסט וועגען דעם ביז אין ווייסען טאג אריין.

היינט, פרעג איך אייך, מיינע ליעבהארציגע יודען, צו וואס זאל איך זיין א נאר, און שרייבען אייך ארטיקלען, מיט פּובליציסטיק, מיט שאר־

לויט די ידיעות פֿון אַפֿריקא זאָגען זיך די בורען ניט אָב פֿון דער האָפֿנונג ווידער צו ווערען אַ מאָל בעלי בתים איבער זייער אייגען לאַנד. זיי זאָגען, אַז די ענגלענדער פֿאָהרען אַהין נור צוליעב די גאָלדגראָבען, וואָס געפֿינען זיך אין טראַנסוואַל. אָבער נאָך אין אַ יאָהר 30 וועלען די גאָלדגרובען אויסגעשעפּט ווערען, און דעמאָלט וועלען די ענגלענדער פֿערלאָזען טראַנסוואַל. און וועלען נור די בורען זיין אין דער מעהרהייט, וועלען זיי דעמאָלט ווידער ווערען די הערשער פֿון לאַנד.

די ענגלישע רעגירונג סטאַרעט זיך דערווייל אויסצולעשען ווי ווייט מעגליך די שנאה, וואָס איז ביי די בורען געגען ענגלאַנד. טשעמבערלען האָט ניט לאַנג געזאָגט אין פּאַרלאַמענט, אַז טראַנס־וואַל און אָראַניען וועלען אין גיכען קריגען אייגענע פּאַרלאַמענטען. ווייטער האָט ער געזאָגט, זאָלען די בורען טהייער האַלטען זייער שפּראַך און זייערע מנהגים, זאָלען זיי לעבען ווי זיי ווילען אַליין, ענגלאַנד וועט זיי אין קיין זאַך ניט שטערען, אַזוי ווי זי שטערט אויך ניט די פֿראַנצויזען אין קאַנאַדאַ צו פֿיהרען אַיין אייגענעם נאַציאָנאַלעם לעבען, נאָר איינס פֿערלאַנגט זי, אַז די בורען זאָלען בלייבען טריי דער ענגלישער פֿאָהן. י. ל.

---

## פֿון דער פּוילישער פּרעסע.

אַ געוויסער האַראַדישץ האָט געעפֿענט אַ באַנק־געשעפֿט אין לאָדז און האָט צושיקט צירקולאַרען אויף רוסיש און דייטש.

אַזאַ צירקולאַר איז געפֿאַלען אין דער האַנד אַריין פֿון וואַרשויער „קוריער פּאָלסקי", אַ שלאַכעצקי־ליבעראַל בלאַט, און עס איז געוואָרען דערפֿון אַ גאַנצער פּראָצעס, סטייטש!

די רעדאַקציע איז מוסר מודעה, אַז זי שטעהט גאַנץ ווייט פֿון דער אידעע צו רודפֿ'ן די דייטשע שפּראַך. זי פֿערשטעהט זעהר גוט, אַז יעדער סוחר האָט דאָס רעכט צו בענוצען אין זיינע האַנדעלס־קאָר־רעספּאָנדענצען די שפּראַך, וואָס ער האַלט פֿאַר נוצליך צום געשעפֿט. דער דייטשער טעקסט פֿון צירקולאַר, מאַכט דעריבער דער רעדאַקציע נישט קיין פּעדראָס, וועקט אין איהר נישט אויף קיין האַס — חס־ושלום!

מען מוז אָבער — זאָגט דער קוריער פּאָלסקי — בערעכענען, אַז האַראַדישץ פּערלענט זיין באַנק־געשעפֿט אין אַ לאַנד, וואו ניין צעהנ־טיל נפשות האַלט פּויליש פֿאַר זייער מוטער־שפּראַך... ה' האַראַדישץ פּערלענט זיין געשעפֿט און וויל פּערקויפֿען ווערטה־פּאַפּירען אויף אויס־צאָהלען, און נישט, חס־ושלום, אומזיסט, פֿערדיענען וויל ער אין לאַנד, וואו 9/10 רעדט און שרייבט פּויליש.

און דאָס מוז מען אויך וויסען, אַז די שפּראַך, וואָס די 9/10 נפשות פֿון לאַנד האַלטען פֿאַר זייער מוטער־שפּראַך, איז נישט חס־ושלום קיין „פּלאַט" — קיין „גוואַרא"! קיין זשאַרגאָן, הייסט עס.

און פֿון דעסטוועגען האָט דער האַראַדישץ נישט געפֿונען פֿאַר נויטהיג, אַפֿילו נישט פֿאַר פּאַסענד, איבערצוזעצען זיין מודעה אויף פּויליש אויך!

צי האָט, וואָהנענדיג אין לאָדז, דער הערר האַראַדישץ געקענט פֿערגעסען, אַז עס איז פֿאַרהאַן אַ פּוילישע שפּראַך!

געוויס נישט!

צי האָט איהם אָבגעשראָקען די קליינע הוצאה, צו דרוקען דעם צירקולאַר אויף נ אָ ך אַ ד ר י ט ע ר שפּראַך!

אוודאי און אוודאי נישט!

על כן — דרינגט די רעדאַקציע פֿון קוריער פּאָלסקי — איז דאָס אומישנע געשעהען, לְהַכְעִיס!

מיינט איהר אפֿשר, אַז דער „קוריער פּאָלסקי" וועט דעריבער ראָטהען, די פּאָלאַקען זאָלען ביי האַראַדישצ'ן קיין פּאַפּירען נישט קויפֿען, און מיר זענען מחויב צוצוגעבען: זעהר גלייך?

ניין, דאָס וואָלט פֿאַר'ן „קוריער פּאָלסקי" געוועזען צו וועניג.

— אמת, — איז מודה די צייטונג — די פּוילישע שפּראַך האָט דערפֿון, וואָס אַ האַראַדישץ בענוצט זיך נישט מיט איהר, קיין גרויסע היזק נישט — אָבער אַ רציחה איז עס! און געפֿעהרליך אויך, וואָרום — „דער שטאַנד צווישען יודען און נישט־יודען איז אויף מעסער־שטיך! מען דאַרף נור אַ פֿונק־פֿייער, אַ שטויס, אַ בלאָז — בלוט זאָל רינען..." און אַזוי ווייטער — אַ קאָפּולער אַנצונעהערעניש...

און ווער וועט שולדיג זיין, מן־הסתם האַראַדישץ און זיינס גליי־כען — דער „כָּל יִשְׂרָאֵל עֲרֵבִין זֶה בָּזֶה!"

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דער ראַדיקאַל־ליבעראַלער „גלאָס" דרוקט אַ זומער־סצענע, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיעלט אין וואַרשויער שטאָדט־פּאַרק, דעם שרייבער H. B. פֿאַר די אויגען:

קינדער שפּיעלען זיך אין אַלערליי שפּיעלען, — אַ געיעג, אַ רַעש, אַ פֿרעהליכע מהומה.

עס לויפֿט דורך אַ פּאָר, וואָס שפּיעלען זיך אין פּערד!

דאָס פּערד איז צוהיצט, צובריקערט, צולאָזט, רייסט שטיקער ערד מיט די פֿיס, דער קוטשער שפּרינגט נאָך, קנאַקט מיט דער בייטש! אין מיטען, פֿאַר שענקייט וועגען:

— פּררר!

דאָס פּערד האָט זיך קוים אָבגעשטעלט.

— אַצונד — זאָגט דאָס פּערד — וועל א י ך זיין קוטשער און דו — פּערד!

— נאָך איינמאָל אַרום — וויאָ!

און דאָס פּערד צובריקערט זיך, הירזשעט, ממש ווי אַ געבוירען פּערד.

דאָס פּאָר פֿערשווינדט און H. B. טראַכט: ווי גליקליך זענען די קינדער — אַ לעבען אָהן קנאה־שנאה, סאַמע פֿרייד, סאַמע נחת, דאָס לעבען שפּריצט!

דאָס פּאָר איז נאָך אַמאָל אַנגעלאָפֿען.

— אַצונד בין איך שמייסער!

— גוט!

זיי האָבען זיך איבערגעשפּאַנט, — אַ קנאַק מיט דער בייטש, אַ פֿייף, אַ צולאָזען זיך. — —

דערווייל איז אָבער אַנגעלאָפֿען אַ חברה קינדער.

זיי האָבען דאָס פּאָר פֿערהאַלטען, בעטראַכט דאָס געשפּאַן, — פּלוצלינג האָט איינער, אָנווייזענדיג אויפֿ'ן „פֿערדיל" אויסגערופֿען.

— דאָס איז אַ יודיל!

— אַ—האַ!

— העי! — האָט מען גערופֿען צום „שמייסער" — שפּיעל דיך נישט מיט קיין יוד!

דער קוטשער האָט זיך אָבגעשטעלט, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון. —

נאָך אַ קורצען ישוב האָט ער דאָך אַראָבגעלאָזט פון זיך די לייצען און אָבגערוקט זיך אָן אַ זייט.

דאָס "יודיל" איז געבליבען ווי פערשטיינערט. אויפ'ן פנים האָט זיך איהם יעדער רגע געענדערט די פאַרב.

— נודלי, נודליי! — האָט די קליינע חברה גערופען. אַ ניי קינדעריש וואָרט! איינער האָט דעם יודיל דערווייל אַראָבגעוואָרפען דאָס היטיל פון קאָפּ.

— זשידזשיאַק! זעהט, געקרייזעלט האָהר, זעהט!

דער בעפאַלענער האָט אויפגעהויבען דאָס היטיל און האָט זיך אָנגעהויבען אָבצוריקען.

פריהער אונטערוויילכטס און פאַמעליך, וואָס אַמאָל געשווינדער דערנאָך — פאַר זיך, גלייך און גאַלאָפּ.

די חברה איז איהם נאָכגעלאָפען...

פון ווייטען האָט H. B. געהערט אַ גערופעריי: זשידזשיאַק — נוט אַזוי דעם זשידזשיאַק...

פערשטעהט זיך — מען האָט געשלאָגען.

H. B. האָט זיך נישט אויפגעהויבען צו ראַטעווען דאָס יודישע קינד.

ער איז זיך ווייטער געזעסען אויף דער באַנק; דאָס האַרץ האָט איהם אפשר וועה געטהון; אויף דעם איז מען דאָך ראַדיקאַל — ליבעראַל...

און צו דער באַנק — דערצעהלט H. B. — זענען דערווייל צו־געקומען צוויי מענשען (נישט קיין יודען) און האָבען זיך געזעצט.

— עס איז אומזיסט! — האָט איינער געזאָגט און דערמיט גע־ענדיגט אַ פריהערדיג געשפּרעך — עס וועט גאָר נישט העלפען, דער יוד וועט קיינמאָל נישט דאַנקבאַר זיין דעם פאָלק, וואָס האָט איהם אַריינגעלאָזט...

אַ לעזער.

---

## יודישע שטעדט און שטעדטליך.

אַז מען לייענט אונזערע בלעטער, מיינט מען די וועלט געהט אונטער; די יודיש־רוסישע און די יודיש־רוסיש־פּוילישע מיין איך. ריין גיפט זענען די בלעטער, אַ מרה־שחורה בעפאַלט, משוגע צו ווערען און משוגע ווערען איז היינט קיין געשעפט נישט; עס פעהלט פּלאַץ פאַר משוגעים אפילו אין וואַרשויער שפּיטאָל, און ארומלויפען משוגע׳נערהייט אין די גאַסען — ב ר ר! אַ קעלט געהט דורך די ביינער — —

און וואָס אַ בלאַט — אַ בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת, וואָס אַ נומער — אַ קלאָג־ליעד! מען הערט נישט מעהר ווי נור חוסר־פּרנסה, ציידען אויף דער פּאָליצע; קרעמער זיצען גאַנצענע טעג אָהן אַ "פּאָטשאָנטאָק", "גבירים טראָגען ביינאַכט אונטער די אָרים דאָס בעטגעוואַנד צום מַלְוֶה, דערנאָך — הענגען זיי זיך! שניידער לויפען ארום באָרפּיס, שוסטער נאַקיט און בלויז, שטיינער־קלאַפּער האַקען זיך מיט די האַמער אין קאָפּ אַריין...

גאַנצע קְהלות געהען, חס ושלום, אונטער!

— די קיעווער־קאָוולער באַהן האָט, אויסמיידענדיג ראַדאָמישל, ארויסגעוואָרפען דאָס שטעדטיל פון דער האַנדעלס־וועלט, אָבער גאָר אין גאַנצען! הונגעריגע קרעמער בעפאַלען, אַז מען דערזעהט אַ קונה, ווי די היישרעקען, ווי די חיות רעות... בעלי־מלאכות געהען אַרום "פוסטע־פּאַס" מיט גרינע פּנימער און פרעמד־פייערדיגע אויגען... און דאָס יקרות איז גרויס, 20 קאָפּיקעס אַ פונט פלייש..."

"עס זענען פאַראַן עטליכע רייכע בעלי־בתים, "מישען" זיי זיך נישט מיט אָרימע לייט! זיי לעבען זיך גאָר בעזונדער! אַ בעזונדערע שוהל, אַ בעזונדער באָד, אַ בעזונדערער רַב, רַבִּי צי ראַבינער... (איך האָב עס אויף גויש געלעזען)..."

זיי וועלען זיך נאָך אפשר מאַכען אַ בעזונדער בית־הקברות... מיט איין אייזערנעם צוים, גאָלדענע שפּיצען... דעם ערשטען גביר — אַ נפטר וועט אין דער התחלה זיין אַ ביסיל אומעטיג, מיט דער צייט וועט זיך דער בית־הקברות, מיט גאָטס און די דאָקטוירים׳ס הילף, פער־פולען...

— "מען אנטלויפט פון יעקאַטערינאָסלאַוו... ווער קיין פּאַלעס־טינא, ווער קיין אַרגענטינא... אַלע געשעפטען געפאַלען, אַלע האָפנונגען אויף בעסערע צייטען האָבען אָבגענאַרט..."

איך ווייס גאָר נישט, ווען זיי זענען געוועזען...

— "אוסטילוג, וואָהלינער גובערניע... אַמאָל אַ גרויסער האַנדעלס־פּונקט... צווישען וועלדער, ביים בוג... עס האָט געווימעלט פון דאַנציגער סוחרים, סקיפּער, שרייבער, שווימער, בינדער, בראַקירער, סאָרטירער, אַ חוץ פאַקטוירים... עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל — — היינט פערוויסט!

די עמיגראַציע וואַקסט פון טאָג צו טאָג, עס העלפט אָבער נישט, דער דלות וואַקסט נאָך געשווינדער...

פון די עמיגראַנטען קומען בשורות רעות; עס העלפט נישט — ערגער ווי שלעכט קען נישט זיין!"

— מען עמיגרירט פון אַלע "סיעווערא־זאַפּאַדניע" גובערניעס... קיין ענגלאַנד, טראַנסוואַל, קאַנאַדא... וואו די אויגען טראָגען — דער הונגער טרייבט!

— "מען פערלאָזט אָב־און נאָך־נישט־אָבגעברענטע שטעדט און שטעדטליך... פון פריש־פערברענטען קאַמיעניעץ ליטאָווסק, גראָדנער גובערניע געהען אויף דער וועלט אַרויס עמיגראַנטען און אַזוי בעטלער..."

— "אין ווילנא איז איין איינפאַכער הונגער, בעלי־מלאכות האָפען זעמעל פון די שטעלען... אַנדערע — בעטלען! וואָס עס איז אַרבייט צו שאַפען, הייסט די פּאָליציי איבערפאַרבען די צוימען ביי די הייזער..."

— "דורך ענגשאַפט אומריינקייט און הונגער שטאַרקט זיך אין וואַרשוי דער פלעקען־טיפוס פון יאָהר צו יאָהר; ס'רוב ביי יודען... אין 1900-טען יאָהר זענען געוועזען 72 יודען אויף ניין־און־נייצניג קראַנקע, אין 1901 נישט בעסער: 143 יודען אויף 243 קראַנקע, און יודען זענען דאָך נור אַ דריטעל איינוואָהנער... דאָס יאָהר 1902 פיהרט זיך נישט בעסער: אין יאַנואַר איז געוועזען 13 יודען אויף 26 קראַנקע, פעברואַר — 19 אויף 37, מערץ — 35 אויף 50, אַפּריל — 38 אויף 59..."

און נאָך, און נאָך...

---

און ווייסט איהר, וואָס איך טהו, אַז איך לעז אַזוינע ידיעות?

איך שטעה אויף, טהו אָן דאָס היטיל, וואַש מיר די הענד און בענטש גומל, וואָס איך בין געבוירען אַ יוד, מיט אַ יודישע נשמה!

איך בין אַ יוד, וואָס איז געוועהנט פּסח, זמן חרותנו, אַ מלך אויפ'ן הס'בעט, צו עסען אייער לְסִמָּן אֲבֵלוּת, און תשעה בְּאָב, אין דעם שוואַרצען יאָהרצייט פון אַנהויב גלות, צו מאַכען זיך אַ יום־טוב, נישט צו לעגען קיין תפילין און וואַרפען זיך, שפּיעלענדיג, מיט בערעליך, און אַז עס איז פערפעהלען בערעליך — מיט שוך און שטיוועל, מיט לייכטער, בענק און שטענדער...

איך בין אַ יוד, און בטבע זוך איך פלעקען אין דער זון און ביי אַ פלעקין־געשפּרענקעלט־געשטיפעלטער יודענע — אַ שענע הָעוָיָה, אַ ליעבליכען בליק...

איך בין אַ יוד, אַ יודישע ביהן, און פון מיינע קאָרעספּאָנדענצען וועל איך אייך דוקא אויסשלאָגען מעהר האָניג ווי אַ גאַנץ יאָהר!

ישועות ונחמות וועל איך אייך געבען!

עס איז נישט אַזוי שלעכט; די וועלט געהט אַזוי לייכט נישט אונטער!

איהר גלויבט נישט?

הערט, וואָס מען שרייבט:

— גאָלדענע געשעפטען מאַכט מען ביי אונז אין מיראָפּאָל, וואָהלינער גובערניע...

און צו די גאָלדענע געשעפטען דאַרף מען קיין גאָלד,, אפילו קיין געלד נישט האָבען; מען נעמט אַרויס, האָטש מען לעגט נישט אַריין, אפילו נישט די האַנד אין קאַלט וואַסער!

אַז אַ פרומער כשר'ער מיראָפּאָלער יוד, אַ יוד ווי אַ יוד דאַרף זיין, וויל האָבען, אויסער לִוְיָתָן, שור הַבָּר און יַיִן הַמְשׁוּמָר אויף יענער וועלט, האָטש עטליכע מאָל אין יאָהר אַ פולקע גענזענעס, אַ שטיק פיש, אַ קאַרפּען־קאָפּ צי אַ מיטעל־שטיק, און אַ פיין גלעזעלע משקה אויף דער וועלט אויך, דאַרף ער קיין גרויסע זאַכען נישט טהון, אפילו נישט אַוועק למדינת הים, עס איז גענוג, אַז ער פערשרייבט זיך אין חברה קדישא! עס פאַלט אַמאָל אַ קאָפּיקע אין קעשענע אַריין אויך!

„אונזער געשעפט איז אַ זיכער געשעפט!" — זאָגען די שמשים און קלאַפּען פרעהליך צו צום טאַקט מיט דער צדקה־תַּצִּיל־מִמָּוֶת־פּושקע...

„גאָלדענע געשעפטען!" — זאגען די גבאים און די חברה־לייט פון חברה־קדישא מיט אַ זיסען שמייכעל אויף די זאַטע פּנימער...

און מיינט איהר — מען ברייסט?

חלילה! דוקא מענשען מיט רחמנות, מיט יודישע הערצער!

אָט איז ערשט נישט לאַנג אַוועקגעקומען אַ יודישער לעהרער... איין אָרימאַן... פערקרענקט דאָס לעצטע קישעלע פון אונטער'ן קאָפּ.. איבערגעלאָזט איין אלמנה מיט יתומים — — מיינט איהר, מען האָט איהר די „בעבעכים אויסגעזועצט"? חס ושלום! אין גאַנצען אַ פינף־און־צוואַנציגער בעצאהלט! קוים איין אַכטעל פון דער סומע, וואָס די בְּנֵי־חֵת האָבען בעקומען פאַר די מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה — און יענ'ץ איז דאָך געווען אויפ'ן עהרליכען וואָרט, אויף „בֵּינִי וּבֵינְךָ מַה הוּא"...

---

און למשל אין פוילען...

די אָרומיגע שטעדטליך ביי מראָזי זענען אָבגעפאַלען, ווייל די קריסטליכע בעלי־בתים פון די מראָזער זומערוואָהנונגען לאָזען קיין יודען נישט אַריין... דערפאַר הויבט זיך קאַרטשיעוו אונטער אָטוואָצק און אויך דורך דער חברה קדישה... עטליכע מאָל אין יאָהר טרעפען זיך מתים אין אָטוואָצק, און וואָס פאַר אַ מתים,— וואַרשאַווער, סאַמע דייטשען כמעט! מען נעמט צו ביז'ן לעצטע גראָשען, דעם בר־מינן שמייסט מען אָב נאָך דער טהרה, ער זאָל אַ ביסיל אָבקומען אויף דער וועלט און — געלד איז דאָ!

און דאָס געלד, חס ושלום, געהט נישט לאבוד... מען וועט דערפאַר, חלילה, צוריק נישט אויפבויען די איינגעפאַלענע שוהל, קיין שויב אין בית המדרש נישט אַריינשטעלען, נישט אַרומצוימען דעם בית־הקב־ות...

אין זומער צייט האָט קאַרטשיעוו סעזאָן, קאַרטשיעוו בליהט און שטעהט אויף תחית המתים צוזאַמען מיט וואַלד און פעלד, מיט די פייגעל צוזאַמען קלינגען פרעהליך־נחת'דיג די קאַרטשיעווער זמירות...

גאָלדענע געשעפטען!

---

און ווייסט איהר פאַר וואָס גאָלדענע געשעפטען?

ווייל עס איז חברות!

קוים אַ חברה (פּ־ענט לעוויצקין!) איז שוין גוט!

ביי אַן אָרימאַן, אַז מען גיט יעדען אויף אַ בעזונדערן טעלער, זעהט מען אַרויס דען דנאָ, אַז אפילו אַ פליג וועט נישט דערטרונקען ווערען! אָבער אַז מען עסט פון איין שיסעל? פרעהען זיך האָטש די אויגען!.

דעריבער געהען חברות אין דער מאָדע אַריין!

אין וואַרשוי מאַכען „יד אחת" שניידער, שוסטער, שמיקלער...

אין ליטווישע שטעדט — אפילו מלמדים מיט קצבים!

אויס קאָנקורענץ!

איין מלמד וועט שוין נישט זאָגען דעם צווייטען: דו לערנסט איין פרשה חומש אַ וואָך, איך וועל לערנען צוויי, דו לערנסט תרגום אונקלס, איך וועל לערנען אונקלס מיט יונתן בן עוזיאל! דו שמייסט דורך דעם עולם איין מאָל אין וואָך,— טאָג־טעגליך וועל איך שמייסען, איך זאָל אפילו אַ האַרץ־פעהלער בעקומען! בלוט וועט רינען!

און איין קצב וועט נישט זאָגען דעם צווייטען: דיר להכעיס וועל איך וועגען עהרליכער, פערקויפען ביליגער; איין אמת'ן מאַרכביין געבען פאַר אַ צולאַג און קיין פגירה־פלייש וועט אויף מיין קלאָץ נישט קומען!

יד אַחת וועט זיין: איין תורה, איין קאָנטשיג צו אַלע מלמדים; איינערליי ביינער און איינערליי וואָג – אויף אַלע קלעצער, ביי אַלע קצבים!

אפילו שוחטים, אויסגעווייקטע פרומע שוחטים מאַכען יד אַחת און פערלאַנגען 2 גולדען הוספה אויף דער בהמה. די קצבים ווילען נישט, זיצט די פוילישע גובערניע־שטאָדט קיעלץ שוין אַ צייט אָהן פלייש!

און די שוחטים וועלען אויספיהרען!

יעדער שוחט פאַר זיך איז אַ ווייך ריטעל, וואָס אַ קצב בויגט זיך אַרום פינגער, אָבער אַלע צוזאַמען זענען אַ בעזעם! אַ בעזעם פאַר די קצבים, אַ בעזעם פאַר קיעלץ!

---

און אפילו טהייל וואַרשויער דאָקטוירים ווילען זיך מאַכען אַ חברה: איינער פאַר אַלע אין דער חברה און קענען אַלע אויסער דער חברה און די גאַנצע חברה פאַר יעדען פון דער הברה און קענען אַלע אויסער דער הברה!..

און עס וועט אפשר געראטען, עס האבען זיך שוין פערשריבען ספעציאליסטען; עלעגאנט-שמעקענדיגע דאמען-טרייסטער, גאנץ-אויבערפלעכליכע הויט-קראנקהייטען-היילער, טיעף-ערנסטע דאקטוירים פון דער אקושעריע, טיעף-זיניגע מאגען-פארשער: א חוץ נערווען-עלעקטריזירער, בייטעל-שניידער, קאפ-ציפער, צייהן-רייסער, נאז-ברענער וכדומה... מען זאגט: עס וועלען אריין צו צוויי פאר ספעציאליסטען, ווי די עופות טמאים אין נח'ס תיבה...

די חברה האט שוין אפילו תקנות נעמאכט!

שוין אויפגעשריבען! מען דארף נור די תקנות איבערלעזען, אננעהמען און דערנאך — דערנאך וועלען זיין גאלדענע געשעפטען!

איהר זאלט נישט מיינען, איך שפאס, ווי אויך צוליעב די דאקטוירים פון דער פראווינץ, גיב איך דא איבער עטליכע פון די תקנות:

1) יעדערער פון דער חברה איז מחויב צו בעמיהען זיך צו האבען וואס מעהר פראקטיקע; די, וואס ער האט, צו האלטען מיט די צייהן, נייע זיך צו שאפען מיט אלע כחות, מיט גוטען און מיט בייזען, כדי ער זאל קענען וואס מעהר פראטעזשירען זיינע חברים!

צו דעם צוועק זענען פארהאן פערשידענע עצות; עטליכע נאט אייך:

6) מען מוז זיך אויפפיהרען פיין און גוט, ווי א מענש מיט הארץ...

איז קראנק א קינד, בפרט א ציטעריג קינד, זאל מען גלעטען די מוטער... זי מעג זיין מאוס, מען דארף געדענקען אז מען ארבייט לטובת הכלל.

אין פאדער-הויז מוז מען צושמייכלען דער דיענסט; ס'רוב האט זי אויך א דעה...

ב ע מ ע ר ק ו נ ג: דאס איז נור נוהג ביי רייכע פאציענטען, ארימע איז בעסער צו האלטען פון וויטען, טראקטירען פון דער הויך... ווינטער מעג מען צו איין ארימען קראנקען אריינפאלען פערשנייט און אין פאלטא מיט די קאלאשעז, ארויסחאפען דאס קינד פון וויעג און צו-לעגען מיט די לונגען צום אויער... עלטערע נישט צו לאזען צו זיך, מאכען פאר זיך מיט'ן שטעקען ווי א מיהל — פון וויטען בעזעהן די צונג...

7) ביי נאר רייכע קראנקע — ווארטען, ביז מען וועט בריינגען דאס פלעשעלע פון אפטהייק און אליין אייננעבען דאס ערשטע לעפעלע. ביי די מיטעל-מעסיגע בעלי-בתים הייסען זיך שיקען זאגען, ווי דאס קינד איז ביי נאכט געשלאפען...

11) עטליכע וואכען נאכ'ן געזונד ווערען פון קראנקען, אריינ-פאלען אמאל און פרעגען, וואס עס הערט זיך. נאר דערפאר קיין געלד נישט נעהמען, מען זאל אפילו האבען א פול מויל מיט וואסער!

23) די קראנקע, און אלע ארום קראנקען, דארף מען איבער-שרעקען... אלס אויפבלאזען ווי א לונג און לעבער, מען דארף מאכען: פון א קאטאר — איין אנצינדונג, פון בויך-וועהטאג — א טיפוס, פון א פשוט'ער אנגינא, קוים דאס העלזיל רייטעלט זיך — אסכרה; בעסער נאך דיפטעריט און רופען א ספעציאליסט פון דער חברה, ער זאל אריינשפריצען סוראוויצע...

לאזט זיך בלוט פון דער נאז — א פאליפ, און באלד, טאקי תוך כדי דבור, אבשיקען צו א ספעציאליסט א הבר צום אויסברענען!

פון א בראדאווקע איז לייכט צו מאכען א בייז-ווילד-פלייש, און האטש דריי חברים רופען צו א קאנסיליום...

פערדרייסט זיך א נאגעל, זאל מען דערמאנען אין גאנגרענע...

און נאך, און נאך...

און דער טעם דערפון איז א פשוט'ער! ממה נפשך; וועט אויס-געהען צו גוטען, "איז ער דאך טאקי א דאקטאר, נאך ווי הייסט א דאקטאר! סכנות-נפשות געווען! און ווען, חלילה, נישט — על כל פנים — האט ער פ ר י ה ע ר געוואוסט, "א שטיק נביא איז ער"...

און, אז דער עולם ארום, מיט'ן קראנקען צוזאמען, זענען שוין גוט איבערגעשראקען, זאל מען זיך נעהמען צו דער ארבייט מיט כח — "איבערצורייסען" אדער "פערהאפען" די קרענק! פיאווקעס, באנקעס, אלערליי פלעשער, פולווער, שפריצען אונטער דער הויט, צו א יולדת באלד צו מיט דער צוואנג... דער עולם זאל זעהען, אז מען טהוט, מען ראטעוועט...

אזוי זאגט פאראגראף 62!

און, דער עקר איז, שטענדיג צו צוציהען איינעם פון דער חברה.

קומט אמאל אויס, מען מוז צורופען איינעם נ י ש ט פון דער חברה, למשל ביי אויגען (קיין אקוליסט האט זיך נאך נישט פערשריבען), זאל מען רופען איינעם פון י ע נ ע ר זייט ווארשוי... מען זאל איהם נישט האבען אונטער דער האנד! אזוי זאגט פאראגראף 87!

אויסער דעם איז פארהאן א גאנצער פרק, ווי אזוי מען זאל זיך נוהג זיין, אז מען קומט צו א קראנקען וואו איין אנדער דאקטאר נישט פון דער חברה איז שוין געוועזען. איז עס א יונגער געוועזען, לאז מען פשוט ארויסווארפען דעם רעצעפט דורכ'ן פענסטער; אדער מיט בזיון, אדער מיט כעס, ווי עס פאסט... איז עס אביסיל איין עלטערער — זאל מען א קרום טהון מיט דער נאז און זאגען: א גוטער רעצעפט, נאר א י ך האב א בעסערען, א פרישערען, ערשט א ניי מיטעל, ערפונדען אין פאריז... און פערשרייבען זאל מען דוקא דאס זעלבע, נאר אויף איין אנדער אופן. איז געווען א פלעשעלע, זאל זיין פולווער און פער-קעהרט... טהייל מאל עפיס צוגעבען; נאך א פיאווקעלע, א שפאניש-פליגעלע, באדיי א פלעסטעריל...

ווי איהר זעהט, אויב די חברה וועט זיך מאכען, און עס האלט דערביי, וועט זיין פרנסה, וועלען זיין גאלדענע געשעפטען!

נישט אומזיסט האט דוד המלך געזאגט: לכו והתפרנסו זה מזה!... נאגט איינער דעם צווייטען!

איך בין אייך מבטיח, אז עס וועט גוט זיין, אויסער, אז עס וועט זיך מאכען נאך א חברה!

---

ווארום, ווי קען זיין א בעסער געשעפט ווי חברה-קדישא, און פון דעסטוועגען ליגט אין וואסילקאוו, גראדנער גובערניע, שוין א צייט לאנג 150 רובעל קבורה-געלד און קיינער לעקט נישט אב א ביין... און ווייסט איהר פאר וואס? ווייל עס זענען פארהאן צוויי חברה-קדישות...

די 150 רובעל קענען אזוי ליגען "עד שיבא אליהו", ליגען גאנץ ווי א טויטער אינדיק צווישען צוויי הינד, וואס שטעהען זיך אקעגען איינער דעם אנדערן, ביידע בילען און איינער לאזט דעם צווייטען זיך נישט ריהרען מיט א צאהן!

הכלל חברות מאכט, חברות! דאקטוירים, אדוואקאטען, אינזשיניערען...

דאך נישט אלע דארפען חברות...

שוואכע קיניגליך האלטען זיך צוזאמען, לייבען נעהען שוין יעדערער בעזונדער... גוטע יודען דארפען קיין חברות נישט, יעדערער לעבט זיך אויף זיין אייגענער פויסט!

הערט, למשל, וואס מען שרייבט פון לובאמיל (וואהלינער גוב׳):

— ער איז געקומען איינער אליין, ר׳ לייב צדיק... און געעפענט האט ער זיך זיין קרעמיל פון בנן, חיי, מזוני מיט א צולאג אביסיל נביאות אין איין אכסניא, און ער לייזט, ברוך השם, דער עולם לויפט, ווי נאך מצה־וואסער! ער — מאכט גאלדענע געשעפטען...

זעהט איהר שוין — עס איז נישט אזוי שלעכט!

די ביהן.

---

# די יודישע וועלט.

## אנטאקאלסקי פאר׳ן טויט.

— דער קינסטלער אליהו גינצבורג אנטאקאלסקי׳ס שילער, דערצעהלט אין „נאוואסטי״ וועגען די לעצטע טעג פון מ. מ. אנטאקאלסקי׳ס לעבען: אין אנהויב יוני האב איך בעקומען א בריעף פון אנטאקאלסקי׳ן, אז ער איז זעהר קראנק און ער בעט מיך צו קומען צו איהם. מיט א פאר טעג שפעטער בין איך געקומען קיין פראנקפורט, וואו דער קראנקער אנטאקאלסקי האט זיך געפונען צוזאמען מיט זיין פרוי. פראפעסאר נארדען, וועלכער האט איהם קורירט, האט געזאגט, אז די קראנקהייט איז נישט קיין ערנסטע, ער איז נור זעהר שוואך און נערוועז. אנטאקאלסקי׳ס פרוי האט דערצעהלט, אז איהר מאן האט דעם פארינען ווינטער אזוי פיעל גע־ארבעט, אז ער האט די לעצטע שוואכע סחות אנגעווארען. אויסער דער ארבייט אין דער ווארשטאט, האט ער זעהר פיעל געשריבען, פערגעסענדיג אן עסען און שלאפען. זי און די קינדער האבען זיך געבעטען, אז ער זאל אוועקלעגע׳ דאס שרייבען אויף איין פרייער צייט, ווען ער וועט האבען וועניגער ארבייט אין ווארשטאט; ער איז אבער געווען אזוי ארייננעטהון אין שרייבען, אז ער האט נישט אוועקגעלעגט די פעדער אויף איין מינוט.

דער קראנקער האט אויסגעזעהען שרעקליך, דאס פנים איז געווען שווארץ ווי די ערד און אבגעמאגערט, די אויגען זענען געווען טונקעל. פרוי אנטאקאלסקי איז געווען זעהר אונרוהיג, וואס זי האט געלאזען די קינדער אליין אין פאריז און גינצבורג איז דערום געפאהרען אהין אויף א פאר טעג זיי צו בעזוכען. געזעגענדיג זיך מיט איהם, האט אנטאקאלסקי געזאגט: נעה ארײַן צו מיר און זעה ווי איך האב אנגעהויבען די „אינקוויזיציע״, דו ווייסט, איך האב זיך איצט גענומען צו א גאנצער סעריע פון נייע זאכען אונטער דעם נאמען „די וועלט־טראגעדיע״, — דאס וועלען זיין דריי גרויסע ארבייטען: 1) דאס בעפאלען פון די קולטורפעלקער אויף די בארבארען (ווילדע), 2) דאס בעפאלען פון די געצענדיענער אויף די ערשטע קריסטען 3) דאס בעפאלען פון דער אינקוויזיציע אויף די יודען, אם ענדע וועל איך מאכען א גרויסע גרופע אונטער דעם נאמען: „זיי האבען געמאכט שלום״, צוויי פיינד, וואס זענען געפאלען אין דער מלחמה, נעהמען זיך ארום טויטערהייט״.

אין פאריז האב איך מיך וועניגער פערזוימט ווי איך האב גערעכענט, ווייל עס זענען געקומען שלעכטע ידיעות פון קראנקען. איך האב געזעהען אין אנטאקאלסקים ווארשטאט די ארבייט „דאס בעפאלען פון דער אינ־קוויזיציע״ אנגעהויבען אין עכטען גרויסען פארמאט. הגם אנטאקאלסקי האט זיך געהאלטען אין דער „אינקוויזיציע״ ביי דעם אלטען עסקיז, וועלכען ער האט געמאכט נאך אין די 60-ער יאהרען, האט ער דאך אין נייעם פיעל געענדערט און פערבעסערט. דאס איז געווען דאס לעצטע ווערק פון גרויסען קינסטלער.

קומענדיג קיין האמבורג, וואוהין מען האט דעם קראנקען איבער־געפיהרט, האב איך געפונען, אז דעם קראנקען איז פיעל ערגער; ער איז געווארען געל דערפון, וואס די גאל האט זיך צוגאסען, און די אויגען זענען געווען איינגעפאלען און געל. איך האב געראטהען אראבצוברייינגען דר. לייבע אויס ווירצבורג, אבער פראפ. נארדען האט נישט מסכים געווען און דער קראנקער האט געהאלטען מיט איהם. ער האט דאביי געזאגט: א גוטער דאקטאר איז דאסזעלבע ווי א גוטער קינסטלער: ער דארף אליין ענדיגען, וואס ער האט אנגעהויבען. און ווען ער וועט האלטען פאר נויטהיג צו רופען נאך איינעם, דאן זאל מען רופען.

ביז דער לעצטער מינוט איז דער קראנקער געווען ביי׳ם פערשטאנד. „דו זעהסט — האט ער מיר געזאגט — וואס די דאקטוירים האבען אויס־געפיהרט״!

פאר 32 יאהר — ענדיגט א. גינצבורג זיין בעשרייבונג — האט אנטאקאלסקי מיך אלם יונגיל גענומען צו זיך פון זיין געבורטסשטאדט קיין פעטערבורג. ער האט געוואלט, איך זאל גענייסען די זעלבע גייסטיגע שפייז, וועלכע איז געווען פאר איהם הייליג. איצט איז אויף מיך געפאלען דער ביטערער גורל צו פיהרען איהם קיין פעטערבורג א טויטען, זיין גע־ניאלער גייסט אבער איז נישט געשטארבען. ער איז ארייננעגאסען אין זיינע ווערק, זאל אויך זיין קערפער זיין דארט וואו עס האט זיך אבגעשפיגעלט זיין גרויסער גייסט!

— מען האט דעם קערפער פון אנטאקאלסקי איבערגעפיהרט קיין פעטערבורג. דאס ערשטע מאל האט מען בעגעגענט דעם מת מיט פאראד אין קאוונא. אין ווילנא איז געווען דאס בעגעגעניש זעהר ריהרענד און גרויסארטיג. אויפ׳ן פלאטץ און ארום וואקזאל איז געשטאנען איין עולם פון 10,000 מאן. ווי דער צוג האט זיך אבגעשטעלט און די פרוי און די קינ־דער פון מת זענען ארויס פון וואגאן, האבען אלע אראבגענומען די היטלען דער ווילנער גאראדסקאי גאלאווא איז צוגעגאנגען צו דער אלמנה און די קינדער און אין א ווארימער רעדע זיי אויסגעדריקט זיין מיטגעפיהל, צוגעבענדיג אז דעם צער פון דער פאמיליע פיהלען מיט אלע וועמען עס זענען טייער די אינטערעסען פון דער קונסט. די איינוואהנער פון ווילנא פיהלען נאך מעהר דעם צער פון אנטאקאלסקי׳ס טויט, ווייל ער איז גע־בוירען אין ווילנא, און ווילנא האט זיך מיט איהם געריהמט. נאך דעם גאלאווא זענען צוגעגאנגען פערשיעדענע דעפוטאציעס, געהאלטען רעדען און ארויפגעלעגט בלומען־קרענץ אויפ׳ן ארון פי׳ן מת. די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע אין ווילנא האבען געבעטען מיט טרעהרען די פא־מיליע, אז מען זאל מקבר זיין דעם נפטר אין זיין געבורטסשטאדט. אבער די פראגע איז שוין פריהער געווארען בעשלאסען און דער צוג איז געגאנ־גען ווייטער. דער עולם האט ווידער אראבגענומען די היטלען. פון וואגאן האבען ארויסגעקוקט די פרוי און קינדער פון נפטר טיעף אראבלאזענדיג דעם קאפ. דאס פובליקום האט געגריסט. עס האט זיך געלאזט הערען א יאמערליך געוויין. דער צוג איז אוועק ווייטער און ווייטער. די קינדער פון נפטר זענען דאס ערשטע מאל אין רוסלאנד.

אין דווינסק האט מען אויך בעגעגענט דעם צוג מיט׳ן נפטר און ארויפגעלעגט א בלומענקראנץ אויף זיין ארון.

*

## די יודען אין גאליציען.

אין דעם בלאט פון דער יודישער פאלקספארטיי אין עסטרייך לייענען מיר פאלגענדעס איבער די יודען אין גאליציען:

נאך דער לעצטער פאלקסצעהלונג וואהנען אין גאליציען 826,262 יודישע נפשות. דערפון פערנעהמען זיך 80,000 נפשות מיט ערדארבייט. צווי־שען זיי געפינען זיך איניגע הונדערט גרויסע גוטבעזיצער, בערך 1000 קלע־נערע, 1656 פעכטער פון גיטער און פאלווארקען, און איניגע הונדערט יודישע בויערען, וועלכע פערמאגען צו 8--10 מארגען־פעלד.

די גרויסע גוטבעזיצער און די פעכטער פון גרעסערע גיטער פערנעהמען זיך אויסער מיט ערדארבייט אויך מיט פיהצוכט און בראנפען־ברענעריי. די בע־זיצער און פעכטער פון קלענערע גיטער פערנעהמען זיך אויך מיט מילכ־מאל־קעריי און קעזמאכען. זיי ברייגען זייער סחורה אין די שטעדט און פערקויפען זי זעהר לייכט. ווען מען רעדט וועגען די ארימקייט פון די גאליציאנער יודען, מיינט מען נאטירליך נישט די 80,000 נפשות, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט ערדארבייט און אנדערע ארבייטען, וואס האבען א שייכות דערצו. די אנגערופענע 80,000 נפשות האבען אלע זייער פרנסה בריוח.

פון די איבריגע יודישע איינוואהנער אין גאליציען לעבען בערך 200,000 נפשות, וועלכע מען קען אנרופען פערמעגליכע מענשען. דאס זענען געלד־מענשען, באנקירען, סוחרים, רעסטאראטארען, שענקער א. ז. וו. צו זיי געהערען אויך: דאקטוירים, אדוואקאטען, אפטהייקער, אינזשענערען און ארכיטעקטען.

דאַגעגען לעבען געמאַטערט אין גאַליציען בערך 300,000 נפשות, וועלכע בעשטעהען פֿון קליינע קרעמער, שענקער, הויזירער, דאָרפֿגעהער, בעלי-מלאכות, מעקלער און גלאַט לופֿט-מענשען, וועלכע ווייסען קיינמאָל נישט, מיט וואָס זיי וועלען מאָרגען דעם טאָג איבערלעבען. צווישען די בעלי-מלאכות אין גאַליציען געפֿינען זיך 36,230 מייסטערס, וועלכע אַרבייטען פֿאַר זיך און וועלכע ליידען שטענדיג פֿון וועניג אַרבייט.

אויסער דעם וואָהנען אין גאַליציען בערך 200,000 נפֿשות וועלכע האָבען נישט קיין שום פרנסה און צו שאַנד פֿון כלל-ישראל לעבען זיי פֿון בעטלען. בערך 28500 פֿאַמיליענפֿאָטער האָבען זיך געמאַכט דאָס בעטלען פֿאַר א *שטענדיגע פרנסה*, בעת זייערע ווייב און קינדער בערך 171000 נפשות זיצען אין דער היים און טהוען גאָר נישט, נאָר זענען זיך מבין מיט דער צייט זיך אַליין אַרויסצולאָזען אויף דער מדינה. נישט מעהר ווי 10 פראָצענט פֿון די בעטלער געהען איבער די הייזער אין זייער אייגענער שטאָדט, די איבריגע 90 פראָצענט וואַנדערן אַרום איבער דער וועלט. ווען מען פֿרעגט אַ יונגיל: „וואָס טהוט דיין פֿאָטער?" ענטפֿערט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג: „ער געהט אויף דער מדינה".

וועניגע פֿון די בעטלער פֿערנעהמען זיך מיט זייער געשעפֿט אויס פֿוילקייט. דער רוב טהוען עס פשוט, *ווייל עס איז נישטאַ קיין אַרבייט*.

דאָס וואַנדערבעטלען האָט זיך שטאַרק פֿערמעהרט אין גאַליציען אין די לעצטע יאָהרען, בשעת עס זענען געפֿאַלען די פרנסות פֿון יודישען מיטעלשטאַנד. די אויסברייטונג פֿון אייזענבאַהנען האָט צוגענומען די פרנסה ביי טויזענדער געטריידע-הענדלער. די שאַפֿונג וויעדער פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטליכע שותּפֿי'שע קראָמען האָט דערשלאָגען טויזענדער יודישע קרעמער און הענדלער.

די רייכע יודען און אינטעליגענטען אין גאַליציען טהוען כמעט גאָר נישט, כדי צו פֿערגרינגערען די נויט פֿון זייערע ברידער און צו שאַפֿען זיי נייע פרנסות. זיי טראַכטען מעהר וועניג זיך ווי צו בעקומען מעהר אויסצייכנונגען און אָרדען פֿון דער רעגירונג.

*

## בילדונג.

פֿון 15-טען יולי ביז'ן 10 אווגוסט וועט די מאָסקווער אוניווערזיטעט צונעהמען פראָשעניעס פֿון די וואָס ווילען אויפֿגענומען ווערען אַלס שטודענטען. האָטש די צייט אויף צו דערלאַנגען פראָשעניעס איז נאָך ניט אָנגעקומען, — קריגען זיי זיך שוין טאָג טעגליך אָן מיט דער פּאָסט. פֿון יודען וועלען ווי פֿריהער נור אויפֿגענומען 2%.

— אַ פֿעראיין פֿון יודישע מיידליך אין *טשודנאָוו* האָט געוואָלט גרינדען אַ ביבליאָטהעק, און נישט האָבענדיג די נויטהיגע מיטלען דערצו האָט ער זיך געווענדט צום בעקאַנטען שריפֿטשטעלער *מאַקסים גאָרקי*, ער זאָל מנדב זיין זיינע ווערק פֿאַר די ביבליאָטהעק. דער פֿעראיין האָט בעקומען איין אַנטוואָרט מיט די דאָזיגע ווערטער: „די ביכער וועט מען אייך שיקען פֿון פעטערבורג, איך האָב געשריבען אַהין, זאָל גאָט אייך העלפֿען, אַז איהר זאָלט אַריינטראָגען ליכט פֿון וויסען אין לעבען פֿון אייער גוטען פֿאָלק. מ. גאָרקי". די ביבליאָטהעק האָט בעקומען פֿון פעטערבורגער סקלאַד *Знание* גאָרקי'ס ווערק און אויסער דעם נאָך 40 פּאָפּולער-וויסענשאַפֿטליכע ביכליך.

— ווי די אָדעסער צייטונגען זענען מודיע, וועט מען צום קומענדיגען יאָהר אַריינעהמען יודען אין אָדעסער אוניווערזיטעט 10% פֿון געזאַמטצאָהל אין יעדע פאַקולטעט, אַנשטאַט וואָס פֿאַראַיאָהרען האָט מען אַריינגענומען נור 7%.

אין אַנדערע אוניווערזיטעטען וועט מען דערפֿאַר הייניגס יאָהר צונעהמען אַ קלענערען פראָצענט, ווי אין די פֿריהריגע יאָהרען. למשל אין יוריעווער און אין חאַרקאָווער אוניווערזיטעט וועט מען צונעהמען נישט מעהר ווי 3% פֿון געזאַמטצאָהל.

*

## עמיגראַציע.

דער „קוריער צאַדזיענני" שרייבט, אַז צווישען די יודען פֿון גראָדנער גובערניע עמיגרירען אַ סך קיין דרום-אַפֿריקאַ.

*

## געשעפֿטען און מלאכות.

די „דניעפּראָווער געזעלשאַפֿט פֿון וועבעריי און שפּינעריי" אין דובראָוונע, וואָס האָט אָנגעהויבען אַרבייטען אין 1900 און איז געגרינדעט געוואָרען פֿון ל. פ. פּאָליאַקאָוו, האָט אָבגעדרוקט איהר באַלאַנס, פֿון דער צייט וואָס די פֿאַבריקען האָבען זיך געבויט. די אַקציאָנערען האָבען אַריינגעטראָגען 480 טויזענד רובל, 40% פֿון דעם גרונדקאַפּיטאַל 1,200,000, וואָס דאַרף צוזאַמענגעבריינגט ווערען. 7,500 רובל האָט מען אויסגעגעבען אויף דעם פּלאַץ אין מאָהילעווער גובערניע, 66,752 אויף די געבוידען און צודאַטען, 46,452 אויף פֿערשיעדענע זאַכען. דאָס איבריגע געלד געפֿינט זיך אויף דער לויפֿענדער רעכנונג אין באַנק. די פראָצענט פֿון דער לעצטער סומע האָבען געדיענט אויף צו דעקען פֿערשיעדענע אויסגאַבען אין גאַנצען אויף 32,357. דער חוב פֿון דער געזעלשאַפֿט בעשטעהט אין 11,205. אין דער אונטערנעהמונג האָבען זיך מתעסק געווען באַראָן גינצבורג, מ. א. וואַרשאַווסקי, ס. וו. לוריאַ, א. ג. ראָזענבערג, א. מ. בערקענהיים, א. ב. גאָלדאָווסקי ס. ג. פּאָליאַק, ד. פּ. פֿיינבערג, א. ג. מיסין און אַנדערע.

*

## קאָלאָניזאַציאָן.

ה. לודוויפּאָל דערצעהלט אין נאָמען פֿון ה. ג. מאַרגולים-קאַלוואַריסקי, וועלכער בעקליידט, ווי עס איז בעקאַנט אַ שטעלע ביי דער יק"א, דאָס די פּאַלעסטינער קאָמיסיע פֿון דער יק"א האָט אין די לעצטע צייט ערוואָרבען אין ארץ-ישראל צווישען טבריה און תבור מעהר ווי טויזענד דונאַם (אַ ערך פֿון 5000 העקטאַר) ערד. די געקויפֿטע ערד צוטהיילט זיך אין 6 טהיילען. 4 קאָלאָניעס זענען שוין געגרינדעט געוואָרען, די איבריגע צוויי וועלען זיך ערשט ענדע יאָהר אָרגאַניזירען. די נעמען פֿון די פּאַרטיגע קאָלאָניעס זענען: *מעסהא* (18,000 דונאַם), *יאַמאַ* (5000 ד.), *דאַלאַיקאַ* (15,000 ד.) און *אַבאַדיאַ* (6000 ד.). די איבריגע צוויי *אום-דשעבעל* (6000 ד.) און *לוביא* (15,000 ד.) וועלען ווערען אָרגאַניזירט פֿאַר 50 קאָלאָניסטען-פֿאַמיליען.

אין די ערשטע צוויי ווערט שוין געאַרבייט פֿון נאָוועמבער אָן, און כפי ה. מאַרגולים-קאַלוואַריסקי דערצעהלט, נויטהיגען זיך שוין די קאָלאָניסטען ניט אין זייטיגע שטיצע. די קאָלאָניסטען האָט מען גענומען פֿון די קאָלאָניעס, וואו עס קלעקט ניט ערד פֿאַר אַלעמען: 15 פֿאַמיליען פֿון מטולה, 15 פֿון ראש פנה, 18 פֿון די פֿריהערדיגע „חרונים", וואָס האָבען געוואָהנט אין ראש פנה 13 — פֿון זכרון יעקב.

די ערד פֿון די נייע קאָלאָניעס איז נור מסוגל אויף פֿעלדאַרבייט. זי איז זעהר פֿרוכטבאַר און מען האָפֿט פֿון איהר די בעסטע רעזולטאַטען.

די הויפּטאַרבייט פֿון יק"א אין פּאַלעסטינאַ איז איצט אין סעדשעראַ. פֿון סעדשעראַ האָט מען פֿריהער געוואָלט מאַכען אַ העלפֿט אַ קאָלאָניע, און אַ העלפֿט אַ פֿערמאַ. איצט וויל מען פֿון איהר מאַכען אין גאַנצען אַ פֿערמאַ. דאָס וועט זיין אַ פּרובּ-אָרט, וואו מען וועט אויספּרובּירען די בעסטע אופנים, ווי צו בעבויען דאָס לאַנד אין פּאַלעסטינאַ. אויסער דעם וועט יק"א ביי דער אַרבייט אין סעדשעראַ ממילא אויסהאָדעווען אַ געוויסע צאָהל פֿון קאָלאָניסטען, וואָס זאָלען גוט טויגען צו אַלערליי ערדאַרבייט.

סעדושעראַ האָט 18,000 דונאַם. פֿון זיי זענען 10,000 גוט צו אַקערבוי, 8,000 דונאַם פֿאַר די פּאַשע, אין ס. אַרבייטען 50 ערדאַרבייטער. 15 פֿון זיי האָבען פֿאַמיליע, חוץ דעם געפֿינען זיך דאָרט נאָך אַ פֿאַמיליען 20 בעלי-מלאכות. די אַדמיניסטראַציע אין ס. בעשטעהט פֿון איין אַדמיניסטראַטאָר און זיינעם אַ געהילפֿען.

די חברה יק"א האָט אין פֿאָריגען יאָהר ווייטער געפּרובּט בעזעצען די ערדאַרבייטער אין פּאַלעסטינאַ אַלס קאָלאָניסטען. פֿינף פֿאַמיליען האָבען געקראָגען ערד אויף אַרענדע. מען האָט זיי געגעבען אַלעס נויטהיגע צו דער אַרבייט מיט דעם תנאי די ערד אַליין צו בעאַרבייטען אָדער דורך יודישע אַרבייטער-חברים. אַ פֿערטיל פֿון דער ערנטע געהט אויף צו דעקען דעם חוב פֿאַר די ערד און אויפֿ'ן עשור. פֿון די איבריגע 3/4 בעצאָהלען זיי דעם חוב פֿון די פֿאָרשוסע וואָס מען האָט זיי געגעבען אויף כלים, בהמות א. ז. וו. צוויי האָבען פֿערפֿולט די תנאים, די איבריגע דריי האָבען ניט אויסגעהאַלטען, און מען האָט מיט זיי דעם קאָנטראַקט ניט דערנייט.

יק"א אַרבייט איצט אויס אַ גענויען פּלאַן ווי אין גרויסען מאָסען איינצופֿיהרען די פּיהצוכט אין פּאַלעסטינאַ.

דאָס זענען די בשורות טובות וואָס ה. לודוויפּאָל בריינגט אונז פֿון פּאַריז אין „וואָסחאָד" וועגען פּאַלעסטינאַ. עס וואָלט ניט גאָר שאַדען צו קריגען וועגען די אַרבייט פֿון יק"א אין פּאַלעסטינאַ ידיעות פֿון אָרט און שטעלע, פֿון פּאַלעסטינאַ אַליין.

*

## ליטעראַרישע נייעס.

— אין גיכען וועט ערשיינען אין *אָדעס* אַ נייעס בוך אין רוסישער שפּראַך: „די געאָגראַפֿיע פֿון ארץ-ישראל" פֿון *ישראל בעלקינד*. דאָס בוך איז געשריבען אויף פֿערלאַנג פֿון דער אָדעסער פּאַלעסטינאַ-חברה, לויט די אייגענע פֿאָרשונגען און לויט די נייעסטע וויסענשאַפֿטליכע קוועלען. עס וועט ענטהאַלטען 16 בויגען מיטעלער פֿאָרמאַט מיט 60 בילדער און 11 לאַנדקאַרטען. צוויי קאַפּיטלען און 2 קאַרטען וועלען זיין פֿערנומען מיט בעשרייבונג פֿון די יודישע קאָלאָניעס.

נאָך דעם ערשיינען וועט דאָס בוך ווערען איבערזעצט אויך אין העברעאיש.

---

# אלגעמיינע וועלט נייעס.

*עמיגראַציע.* דער רוסישער קאָנזול פֿון ברעמען איז מודיע, אַז אין לעצטען יאָהר האָט זיך ווידער שטאַרק פֿערמעהרט די עמיגראַציע פֿון רוסלאַנד. אַ חוץ יודען פֿאָהרען פֿון רוסלאַנד די דייטשע קאָלאָניסטען פֿון די דרום'דיגע גובערניעס און אַ סך פּויערים פֿון פּוילען. דאָס רוב פֿון די פּויערים האָט גאָר קיין ערד ניט אָדער צו וועניג ערד. זיי פֿאָהרען אין די פֿעראייניגטע שטאַטען,

וואו זיי רעכענען זיך צו פערנעהמען מיט ערדארבייט אדער אנצוקומען אין פאבריקען.

— דער ארמענישער קאנגרעס. אויף דעם ארמענישען קאנגרעס, וועלכער איז ערשט ניט לאנג געווען אין בריוסעל, זענען געווען דער בעלגישער מיניסטער לעזשען, די סאציאליסטען זשארעס, וואנדערוועלדע און אויך דער בעריהמטער שרייבער בערנארד לאזאר.

— ניט כשר'ע קינדער. אין רוסלאנד זענען ארויסגעגעבען געווארען נייע געזעצען וועגען קינדער, וועלכע זענען געבוירען געווארען פון עלטערן אהן חופה וקדושין. ביז איצט זענען אזוינע קינדער געווען כמעט הפקר און האבען אין ערגיץ ניט געקאנט געפינען קיין שוטץ. איצט וועלען זיי ווערען ארייגעשריבען אין די מעטריקעס נאך דעם נאמען און דער פאמיליע פון דעם, וואס נעמט זיי צו. אין הסכם פון דער מוטער און איהר פאטער קען דאס קינד אויך אנגעהמען די מוטערס פאמיליע. די מוטער קריגט איבער'ן קינד אלע רעכטע וועלכע עס געהערען דער מוטער, און זי האט אויך צו איהם דיזעלבע חובות. דער פאטער דארף געבען דעם קינד די מיטלען אויף זיין הארעוואניע. ווי גרויס די מיטלען זאלען זיין, דאס הייננט אב פון פאטערס פערמעגען און פון דער מוטערס מעמד. די מוטער מוז אויך טהייל נעהמען מיט איהרע מיטלען אין די הוצאות אויף דעם קינדס ערציהונג.

די ניט כשר'ע קינדער האבען דאס רעכט צו פאדערן מיטלען פון זייער פאטער. זיי קענען עס דורכפיהרען דורך דעם בית דין, וואס איז איבער דיני ממונות. דער פאטער, וואס גיט די מיטלען אויף צו האדעווען און ערציהען דאס קינד, האט אויך דאס רעכט אכטונג צו געבען אויף זיין ערציהונג.

די ניט כשר'ע קינדער האבען דאס רעכט אבצוירש'ענען די מיטער, אבער זיי קענען ניט אב'ירש'ענען איהרע קרובים, אויך ניט דעם פאטער און פשיטא ניט זיינע קרובים.

— פינלאנד. די רוסישע רעגירונג האט ארויסגעגעבען א געזעץ, לויט וועלכען די רוסישע שפראך ווערט איינגעפיהרט אין פינלאנד אלס רעגירונגס-שפראך. אלע פאפירען, וואס קומען אריין אין די פינלענדישע אנשטאלטען אין דער רוסישער שפראך, דארפען פון היינט אן אבגעענטפערט ווערען נור אויף רוסיש. אלע פאפירען, וואס קומען אריין אין דער שוועדישער און אין פינישער שפראך, דארפען אבגעענטפערט ווערען ניט נור, אזוי ווי עס איז געווען ביז איצט, אין שוועדיש און אין פיניש, נאר צו זיי דארף פון איצט אן אויך צוגעגעבען ווערען א רוסישע איבערזעטצונג.

---

## מיין ליעד.

ניט אין מאי און ניט אין גרינעם וואלד
האב איך מיין ערשטעס ליעד געזונגען;
ניט ווילענדיג, ניט פריי, נור איבער־געוואלד —
צרות האבען מיך דערצו געצוואונגען...

מיין ערשטעס ליעד — דאס איז געווען דאס ערשטע מאל,
ווען כ'האב דערהערט די קלאג פון מיינע ברידער:
אין הארצען טיעף אריין איז יענער קול,
ער הערט־זיך אויך אין אלע מיינע ליעדער...

איך זינג נור דאמאלסט, ווען איך בין פערצאגט
און ס'ווערט אין מיר דאס הארץ שיער ניט צוריסען!
ווען די נשמה ליידעט, זיפצעט, קלאגט —
און טרערען לאזען זיך ניט גיסען!...

דאן זינג איך... א, דערום איז מיין געזאנג
פול מיט בלוט, מיט ניפט, מיט טרערען...
מיין ליעד — דאס איז א ווידער־קלאנג
פון אונזער גלות־קרעכץ, דעם שווערען!...

אדעסא.

מנחם מענדל הורוויץ.

---

## קליינינקייטען.

I.

### געבליעבען אליין.

זיצענדיג אויף א באנק אין זאקסישען גארטען, האב איך פאר לאנגווייל ארויסגענומען פון מיין קעשענע די לעצטע נומער פון א יודישען בלאט און האב אריינגעקוקט אין איהם.

אויף דער זעלבער באנק, אביסיל אבגערוקט פון מיר, איז געזעסען א יודישע רייכע דאמע פון א יאהר 40 מיט א קליין־מיידיל, א טאכטעריל, פון א יאהר 11—12.

אז איך פלעג מינוטען־ווייז אבווענדען מיינע אויגען פון בלאט און ניט ווילענדיג א קוק טהון אויף מיינע צוויי השוב'דיגע שכנים, פלעג איך זעהען, ווי דאס קליין מיידעלע שטעלט אויס איהרע גרויסע אויגען און קוקט דא אויף מיר, דא אויפ'ן בלאט.

נאך איהרע בליקען איז מיר געווען לייכט צו דערקענען, אז דאס בלאט איז איהר פרעמד, זי האט אזעלכע ווילדע אותיות קיינמאל ניט געזעהן... יעדער בליק איהרער האט קינדעריש פערוואונדערט געפרעגט: וואס איז דאס אזוינס? עפיס ניט קיין רוסיש, ניט קיין פויליש און ניט קיין דייטש?...

און באלד האב איך דערהערט איהר דייטליכע פראגע אין ריין פויליש.

מאמוניא, צא טען פאן טשיטא? *)

איך האב א קוק געטהון אויף די מוטער. אויף די רייכע דאמע און האב דערזעהן, ווי איהר ווייס געזיכט איז דונקלער געווארען און איהר לאנגער נאז האט זיך פערקרימט אין א זייט; און גלייך נאך דעם האב איך דערהערט א קורצען ברוגז'דיגען ענטפער:

— ניץ! **)

דאס מיידעלע איז אבער, ווי א רייך, געפעסטעט קינד, איינגעשפארט געווען און האט דורכאויס געפאדערט, אז די מאמע זאל איהר זאגען, וואס איך לעז אזוינס.

נאר די מוטער האט מיט כעס געשארט דעם זאמד מיט איהר זיידענעם שירם, זיך געבייזערט און ניט געזאגט, אזוי ווי זי וואלט מורא האבען מיט'ן אויסזאגען איהר מויל אומריין מאכען.

דאס הארץ האט מיר שטארק געקלאפט. עפיס איין אלטע וואונד האט זיך מיר אבגערופען און האט שרעקליך וועה געטהון, געגאגט און געצופט... און פלוצים, איך ווייס ניט ווי אזוי, האט זיך ביי מיר ווי מיט גוואלד ארויסגעריסען איין ענטפער:

— טא יעסט זשידאווסקא גאזעטא!...

און איידער איך האב צייט געהאט זיך אומצוקוקען, וואס פאר איין איינדרוק מיין ענטפער האט געמאכט, איז שוין די דאמע מיט'ן מיידעלע פערשוואונדען געווארען אין א צווייטער אלעע...

איך בין געבליעבען אליין...

---

II.

### ניט קיין יוד.

איך געה אין גאס. ניט ווייט פון מיר געהען צוויי יודישע יונגעליך אין לאנגע קאפאטקעליך און שמועסען פרעהליך.

און אט זעה איך, ווי איינער פון זיי הויבט אויף דאס הענטיל און ווייזט אן מיט א פינגער אויפ'ן אלטען פאליציסטען וואס שטעהט אין מיטען גאס און גיט אכטונג אויף די ארדענונג.

— דאס איז א יודישער סטאיקאווע! הער איך ווי ער זאגט מיט קינדערשען שטאליץ, און זיינע שווארצע אייגעליך גלאנצען פאר פרייד.

דאס צווייטע יונגעלע קוקט אן זיין חבר ווילד, קען ניט גלויבען און לאכט:

---

*) מאמע, וואס לעזט עס דער הערר? **) גאר נישט!

— חע־הע־חע! א יודישער סטאיקאווע!... משוגענער יאסקע! א יוד טאר ניט זיין קיין סטאיקאווע...

דאס ערשטע יונגעלע, דער משוגע׳נער יאסקע, האלט זיך אבער ביי זיינס און שווערט מיט אלע כחות:

— אוי, זאל יאך אזוי געזונד זיין! ער דאווענט אפילו אלע שבת ביי אונז אין קלייזיל, ער שאקעלט זיך אזוי!...

— ס׳א ליגען! שפארט זיך דאס צווייטע יונגעלע, אבער שוין א־ביסיל שוואכער; דעם חבר׳ס הייסע שבועה, און דער פאקט, אז ער זעהט איהם אלע שבת אין קלייזיל, האבען געווירקט אויף איהם.

און דאס ערשטע יונגעלע בעשטעטיגט נאך שטארקער זיינע ווערטער דערמיט, וואס דער אלטער סטאיקאווע טראגט א בארד:

— זעהסט סארנע לאנגע בארד!

דאס ווירקט שוין אין גאנצען און דאס צווייטע יונגעלע שרייט אויס פרעהליך:

— אוי, טאקי, טאקי! אי ווערט א יוד — א סטאיקאווע!... איך וועל עס פערצעהלען אלע יונגליך אין חדר!

אויפ׳ן טראטואר געהט דערווייל דורך איין יודישער טרעגער מיט א גרויסען קאסטען אויפ׳ן פלייטצע. דער פאליציסט שרייט פון ווייטען:

— אראב פון טראטואר!

דער יוד הערט ניט.

און דער פאליציסט לויפט צו צום טרעגער מיט אימפעט, פיהרט איהם אראב פון טראטואר און בעגלייט איהם מיט זידלעריי און סטראשעט איהם מיט׳ן צערקיל.

— ניט קיין יוד! ניט קיין יוד! — צוזינגט זיך אומעטיג דאס צווייטע יונגעלע —... ער טרייבט א יודען!... ניט קיין יוד, איך האב געזאגט...

דאס ערשטע יונגעלע קוקט טרויריג אופ׳ן פאליציסטען און קען גאר נישט ענטפערן...

---

III.

### אין א יודיש גטוועלב.

איך געה אריין אין א יודיש געוועלב און בעט איין אכטעלע טהעע, אמת׳ע פאפאוו׳ס.

— ווי דען, ווי דען? ענטפערט מיר א יוד אין א לאנגער קאפאטע — אודאי אמת׳ע! ביי מיר איז גאר קיין פאלשע ניטא, איך האלט עס ניט!

ער דערלאנגט מיר איין אכטעלע טהעע, איך בעטראכט עס פון אלע זייטען מיט ספיקות און פרעג איבער נאך אמאל:

— עס איז געוויס אמת׳ע פאפאוו׳ס?

— א מאדנער מענש! — ווערט דער יוד, ווי אין כעס, — אז מען זאגט אייך געוויס, איז געוויס! איך וועל אייך דען אבנארען? איך האב נאך קיין מאל א יודען ניט אבגענארט.

— נו, אז א יוד זאגט, דארף מען איהם גלויבען, — ענטפער איך מיט שטארקער אמונה אין א יודענס עהרליכקייט — א יודען גלויב איך שטענדיג.

אויפ׳ן יודענס פנים בעווייזט זיך עפּיס א מאדנער שמייכעל. ער גיט זיך א קראץ אין קאפ און זאגט ארויס:

— מילא, וואס זאל מען טהון מיט אייך? אז איהר גלויבט אזוי אין א יודען, דארף מען אייך טאקי ניט אבנארען... ווייזט אהער דאס אכטעלע טהעע און נאט אייך טאקי אמת׳ע פאפאווס...

ווארשוי, אברהם רייזען.

---

## מטות און מסעי

### פון ד. פרישמאן.

(ענדע)

און נאך איינמאל האבען זיך בײדע בעגעגענט—אויף דער שוועל פון גימנאזיום...

איינער איז געקומען פון דער פארבערייטונגס־שולע, און ווי ער איז אריין אין גימנאזיום, האט ער געפונען אפענע צוויי ארעמס, וועלכע האבען איהם צוגענומען; דער צווייטער איז געקומען פון הדר, און ווי ער איז אריין אין דעם נייעם הויז און אין די נייע וועלט, האט ער גע־פונען צוויי ארעמס, וועלכע האבען איהם מיט געוואלט אוועקגעשטויסען נאך אויף דער שוועל שטעהענדיג.

ווי איז עס געקומען דאס א יודיש יונגיל איז ארויס פון זיין וועלט און האט געפרופט אריינגעהען אין די נייע וועלט?

די יודען ווייסען אלסדינג און קענען אלסדינג — האט איהם זיין בלאנדער חבר געזאגט. אבער דער מלמד, ביי וועלכען משה האט אין חדר געלערנט, האט נישט אזוי געזאגט; ער האט נישט געזאגט אויף די קליינע יודעליך, וועלכע זיצען אין זיין חדר, אז זיי ווייסען און קע־נען אלסדינג, און אויך אויף דעם קליינעם משה׳לע האט ער נישט אזוי געזאגט. אדרבא, דעם גאנצען טאג האט ער געפלעגט אויף די קינדער שרייען און זיי שעלטען מיט די ביטערסטע קללות. אויך משה׳ס פאטער האט געפלעגט אויף זיין זוהן זאגען, אז ער ווייס און קען גאר נישט...

דאס יונגיל אבער איז געוועזען געבענטשט און בעגאבט פון גאט; זיין הארץ איז געוועזען פול מיט געפיהל, און אלעס שענע און אלעס איידעלע האט איהם געצויגען ווי מיט א כשוף — בעזונדערס האט זיך געוויזען אין איהם א טאלאנט צו מאלען.

צוועלף יאהר איז ער אלט געוועזען, ווי ער האט געמאכט דאס „שויתי“ פאר דעם עמוד אין גרויסען בית־מדרש. ווער עס האט דאס „שויתי“ געזעהען, איז געבליבען פערוואונדערט שטעהען, דען קיינמאל נאך נישט איז אזא שענע זאך געמאכט געווארען פון אזא יונג קינד, וועלכעם עס האט די דאזיגע מלאכה קיינמאל נישט געלערנט. און אויך מיט זיין שענער האנדשריפט האט דאס יונגיל אויפגעהען געמאכט, די אותיות זענען געוועזען ווי פעריל; אזא שענע האנדשריפט, האבען אלע געזאגט, איז גאר נישט דא אויף דער גאנצער וועלט.

אבער וואס געהערען זיך יודען אן מיט אזעלכע זאכען? — דער מלמד איז געבליבען ביי דאס זייניגע, אז דאס יונגיל טויג צו קיין זאך נישט; ער פערברייננגט זיין צייט מיט לויטער נארישקייטען, מיט בילדער־מאכען און מיט צאצקעס־מאלען, און לערנט קיין שום זאך נישט. אויך פון פאטער פלעגט ער דאס דאזיגע טאג־טעגליך הערען. און דאס יונגיל האט פעסט און זיכער אנגעהויבען גלויבען און עס וויסען, אז ער טויג צו גאר נישט. וואס נוטצען איהם נאך חדרים און מלמדים? וואס זאל ער עפיס לערנען זאכען, וועלכע געהערען זיך מיט איהם גאר נישט אן?

און משה האט זיך אוועקגענארט פון חדר, און איז איין טאג אהין נישט געקומען.

אבער ־יוען דו ווערסט זי איין טאג פערלאזען, וועט זי דיך פער־לאזען צוויי טעג". צום אנפאנג האט משה געפלענט זוכען איין אויסריידע, אום נישט צו דארפען קומען אין חדר אריין איין טאג, און די תורה האט איהם פערלאזען צוויי טעג; דאן איז ער נישט געקומען צוויי טעג, און די תורה האט איהם פערלאזען פיער טעג; דאן איז געקומען א צייט, ווי ער איז נישט געקומען א גאנצע וואך, גאנצע צוויי וואכען, און דאן האט ער אויפגעהערט אין גאנצען און איז נאר נישט מעהר געקומען.

און אין דער היים האט מען איהם גערודפ'ט און דאס לעבען פערביטערט...

און משה איז געווארען א גאסען־יונג און האט זיך צוזאמען גע־פארט מיט דער ווייסער חברה.

דאן אבער האט ער מיט געוואלט זיין גאנצע קראפט צוזאמען גענומען; ער האט בעהאלטענערהייט אלעס נויטהיגע געלערנט און איז אנגעקומען ביז צום גימנאזיום.

אין דערזעלבינער צייט איז אויך סערגיי אהין אנגעקומען. — פון וואנען? ווי אזוי איז דער בלאנדער יונגער מאן אזוי ווייט געגאנגען? נעכטען ־האט ער קיין צייט נישט געהאט", היינט ־איז איהם דער קאפ פערדרעהט", און מארגען ־איז די ארבייט צו שווער" — דער פאטער אבער האט איין פאר אלעמאל געוואוסט, און אויך דער לעהרער האט עס איינגעזעהען, אז דאס יונגע קינד לערנט זיך זעהר גוט.

און ביידע קינדער זענען געשטאנען פאר די לעהרער ביים עק־זאמען.

דא האבען די לעהרער דעם איינעם, דעם בלאנדען, צוגענומען, ווייל ער האט זיך זעהר גוט געלערנט, און דעם צווייטען, דעם מיט דעם בלייכען פנים, האבען זיי אבגעזאגט, ווייל ער האט נישט די נויטהיגע קענטניסע.

ובכן ווייסען און קענען יודען נישט אלסדינג.

פאר וואס אבער זאגט סערגיי משה'ן טאג־טעגליך, אז יודען ווייסען און קענען אלסדינג? פאר וואס קומט דער בלאנדער טאג־טעגליך צו דעם מיט דעם בלייכען פנימ'ל, און בעט איהם יעדעסמאל, ער זאל אזוי גוט זיין און פאר איהם די לעקציע מאכען, און דאס קינד מ'ט דעם בלייכען פנימ'ל מאכט די לעקציע טאג־טעגליך פאר דעם בלאנדען?

*

און מטות און מסעי, וועלכע געהען צוזאמען, זענען פון דעמאלס אן געגאנגען זעהר ווייט איינער פון אנדערען; איינער איז געגאנגען העכער און העכער, און דער צווייטער איז געגאנגען נידריגער און נידריגער; איינער — בארג ארויף, דער צווייטער — בארג אראב...

איינער איז געגאנגען אין גימנאזיום פון קלאס צו קלאס, ביז ער איז אנגעקומען אין די דריטע קלאס. דער צווייטער איז געגאנגען אין דערזעלבער צייט אויף שלעכטע וועגען, ביז אזש די פיס האבען איהם נישט געקענט מעהר דערשלעפען.

פלוצלינג אבער האט זיך דער דאזיגער צווייטער צוזאמען גענו־מען מיט זיין גאנצער קראפט, און איז צום צווייטען מאל געקומען צו די לעהרער, און האט געוויינט פאר זיי און האט געבעטען זיך, אז זיי זאלען איהם דערלויבען זיך צו שטעלען צום צווייטען מאל צום עקזא־מען. ־יודען זענען מארנע עקשנים!" האבען די לעהרער געענטפערט, און האבען איהם א חסד בעוויזען לפנים משורת הדין און האבען איהם אריינגענומען אין צווייטען קלאס.

נאר סערגיי האט פארטשריט געמאכט אין זיין לערנען און משה האט נישט געמאכט קיין פארטשריט — אזוי שטעהט בפירוש געשריבען אין די פאפיערען, וועלכע די לעהרער האבען אויסגעשריבען יעדעס מאל פאר ביידע שילער.

און נאך דעם ערשטען יאהר איז משה פערבליבען אין דעמזעל־בען קלאס, און אויך אין צווייטען יאהר איז ער נישט ווייטער געקומען — דא האבען די לעהרער געפסק'ט, אז דער דאזיגער שילער איז נישט טויגליך צו קיין שום לערנען און ער וועט מוזען דאס גימנאזיום פער־לאזען.

און פארט פלעגט יעדען טאג סערגיי און נאך פיעל אנדערע שי־לער צו איהם צו קומען, און משה פלעגט פאר זיי זייערע לעקציעס מא־כען, און בפרט פלעגט ער פאר זיי די צייכענונגען מאכען, וועלכע די לעהרער האבען זיי אויפגעגעבען.

און פון איהם זאגט מען, אז ער איז נישט טויגליך צו קיין שום זאך!

דא האט עס אויפגעפלאמט אין איהם ווי א ווילד פייער, און ער האט מעהר נישט געקענט שווייגען. איינמאל, ווען ער איז געווען שטארק דערביטערט, האט ער איינעם פון די לעהרער עפענטליך בעליידיגט.

וואס טהוען די לעהרער מיט אזא'ן אויסגעלאסענעם שילער? — רעכט האבען זיי, און נישט טויגליך איז ער; דעריבער האבען זיי איהם פון גימנאזיום ארויסגעטריבען, און אין זיינע צייגניסע האבען זיי איינ־געשריבען, אז ער טאר אין קיין שום גימנאזיום מעהר אין דעם גאנצען לאנד נישט אנגענומען ווערען...

און דאס יונגיל הערט טאג־טעגליך זיין שאנד און זיין שפאט; אין דער היים רופט מען איהם ־גוי" און אין גאס זאגט מען איהם, אז ער איז איין אויסגעלאסענער שילער.

אזוי איז ער געגאנגען בארג אראב...

א שטילע, רוהיגע נאכט. טויזענד שטערען גלאנצען פון דעם ליכטיגען בלוי אין דער דעק פון הימעל. און זיי פלאטערן ציטערדיג איינער אנטקעגען דעם אנדערען.

אויף זיין געלעגער ביי נאכט ליגט א יונגיל מיט א בלייך, בלאס פנימ'ל, אליין און פערלאזען, און קען נישט אנטשלאפען ווערען. — אין גאס לאכט יעדער פון איהם דעם גאנצען טאג און איצט נאר זענען געקומען אויך יענע גרויסע ליכט אין הימעל, פון איהם צו שפעטען... וואו אהין זאל ער איצט מיט זיין חרפה אנט־לויפען? אפשר ביז צו איין ארט, פון וועלכעם ער וועט מעהר נישט קענען צוריק... און פאר וואס האט דאס גאט איהם אזוי זעהר גע־שטראפט? פאר וואס בעצאהלט ער איהם לויטער שלעכטעס פאר אלל דעם גוטען. וועלכעם ער האט אלע מאל פון זיין קינדהייט אן געוואלט טהון? איז דען נישט רעכט, אז דער מענש איז גוט און וויל גוט זיין און וויל גוט בלייבען?...

אפשר! אפשר איז נישט רעכט, אז דער מענש שטרעבט גוט צו זיין...

איצט איז ער איין אומגליקליכער מענש. דען מענשען זענען געקומען און האבען איהם מיט געוואלט אומגליקליך געמאכט; מיט געוואלט האבען זיי איהם פון גוטען אוועק געשלעפט און צום שלעכ־טען אהין געשטויסען. ווי ער איז נאך א קינד געווען, האבען איהם קינדער פון זיינס גליכען פון אייז אויפ'ן טייך פעריאגט און האבען איהם נאכגערופען „זשיד!"; דאן האבען זיי איהם פון דער שולע

ארויסגעיאָגט און האבען איהם שווארץ אָנגעשריבען; דאן האבען איהם אַלע אויך אויף דער גאַס פֿערשטויסען און האבען איהם א נאָמען געגעבען „אויסגעלאַסענער" — וועט ער דען שולדיג זיין, ווען ער וועט איצט כאמת ווערען איין אויסגעלאַסענער? טהוט נישט א מענש, און האט נישט א מענש רעכט אַלדינג צו טהון, אום זיך צו ראַטעווען? איצט האט ער מלחמה צו האַלטען פֿאר זיך און זיין רעכט, מלחמה מיט אַלע מענשען, וועלכע עס שטעלען זיך איהם אין וועג אריין, מלחמה מיט יעדעס, וועלכער עס וואַגט זיך אַנצוריהרען אָן זיין טהייל ירושה, וואס די נאַטור האט איהם געגעבען מיט דער מינוט ווי ער איז אַרויס פֿון זיין מוטערס לייב!

ער האט נישט מעהר פון וואס צו לעבען. — צו וועם וועט ער זיך ווענדען אויף הילף מאָרגען? און איבערמאָרגען צו וועם? און נאָך איבערמאָרגען און אַלע מאל ביז אין טויט אַריין צו וועם האט ער זיך צו ווענדען?

ער וועט געהען דאָרט אַהין, וואו מען קען איהם נישט...

און דאָרט וואָס וועט ער מאכען? וואס קען מאכען א יונגיל, וועלכען מען האט אַרויסגעשטויסען פֿון צווישען מענשען?

דאָרט וואו מען קען איהם נישט, וועט ער פרובען צום צווייטען מאָל אין א גימנאַזיום אַריינקומען, אפשר וועט ער אַריינגעלאָזען ווערען...

אָבער מיט דעם צייגניס וואס וועט ער מאַכען, אין וועלכעם עס שטעהט בפירוש פֿערשריבען אַז ער האָט נישט מעהר דאָס רעכט אין קיין שום גימנאַזיום אין דעם גאַנצען לאַנד אָנגענומען צו ווערען — זאָל ער איהם גאָר נישט ווייזען?

ער וועט איהם גאָר נישט ווייזען!

מיט וואָס אָבער וועט ער אין א שולע אָנגענומען ווערען, אַז ער וועט גאָר קיין צייגניס נישט האָבען?

... זיין בלוט איז אין איהם נעשטאַנען געוואָרען, ווען ער האָט זיך ווענען דעם דערמאַנט, און די גאַנצע נאַכט האָט ער נישט מעהר געקענט שלאָפֿען. ווען אָבער עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, איז ער רוהיגער געוואָרען, דען ער האט די ריכטיגע עצה געפֿונען: אין איינעם פֿון די ערשטע צייגניסע, וועלכע ער האָט אין דעם ערשטען לערן־יאָהר בעקומען, וועט ער עטליכע אותיות און עטליכע ווערטער ענדערן, אבמעקענדיג עטליכע אַלטע און צושרייבענדיג עטליכע נייע, דען ווער נאָך ווי ער איז אַ מייסטער אויף שרייבען און אויף נאָכמאַכען יעדע האַנדשריפֿט? — ווען זיי האָבען דאָס גוטע פֿון איהם נישט געוואָלט צונעהמען, דאָ זאָלען זיי פֿון איהם דאָס שלעכטע נעהמען! ווען זיי האָבען איהם דאס ווייניגע, וועלכעס קומט איהם, נישט געוואָלט געבען בהיתר, דאָ זאָלען זיי עס איהם געבען באיסור!

און אַזוי איז ער אַנטשלאָפֿען געוואָרען...

אין דערזעלביגער נאַכט האָט אויך זיין צווייטער, גליקליכערער חבר ביז העלען טאָג אַריין נישט געקענט אנשלאָפֿען ווערען. א בילד פֿון אַ יונג מיידיל איז איהם אָהן איין אויפֿהער געשטאַנען פֿאַר די אויגען. דאָס מיידיל איז געוועזן די נייע גוווערנאַנטין ביי דעם פּריס־טאַוו, וועלכער וואוינט אויף דער אַנדערער זייט גאַס. פֿאַר עטליכע טעג האָט סערגיי זיי געזעהען, זיצענדיג ביים אָפֿענען פֿענסטער, און ער האָט עטליכע קושען אַרויפֿגעוואָרפֿען צו איהר; זייט דענצמאָל איז דאָס מיידיל פֿערשוואונדען געוואָרען און ער האָט זי נישט מעהר געזעהען. דאָ האָט ער געטראַכט און געטראַכט די גאַנצע נאַכט און געזוכט עצות, ווי אַזוי זיך מיט דעם מיידיל צו בעקענען. און ווי עס האָט אָנגעהויבען טאָגען, איז אין איהם א נוטער געדאַנקען געבוירען געוואָרען: מאָרגען וועט ער עטליכע רובעל פֿון דער מוטערס קאַסע נעהמען, און וועט דערפֿאַר אַ קלייד קויפֿען, און וועט עס דעם פֿריי־ליין אַוועק פֿיהרען, און דאָס פֿריילין וועט איהם דאַן צונעהמען ווי א גוטען מלאך...

און אַזוי איז ער אַנטשלאָפֿען געוואָרען...

*

זייט דענצמאָל האָבען זיך די ביידע יונגע לייט נישט מעהר בעגעגענט; מט"ת און מסעי זענען נישט מעהר געגאַנגען צוואַמען — יעדער פֿון זיי איז געגאַנגען בעזונדער זיין אייגענעם וועג.

איינער איז געגאַנגען העכער און העכער, באַרג אַרויף, דער צווייטער איז געגאַנגען נידריגער און נידריגער, באַרג אַראָב.

סערגיי איז אַרויס בשלום פֿון גימנאַזיום און אַריין בשלום אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט יוריספרודענציא שטודירט. דאַן איז ער אַרויס גליקליך פֿון אוניווערזיטעט און איז געוואָרען אַ העלפֿער ביי איין אַדוואָקאַט, דאַן איז ער געוואָרען אַליין איין אַדוואָקאַט, און נאָך עטליכע יאָהר איז ער געוואָרען אַ ריכטער, און צום סוף איז ער געוואָרען פרעזידענט פֿון אויבערען געריכטס־הויז. — אַזוי איז געבענשט פֿון גאָט איינער, וועלכער האָט זיך גוט און עהרליך געלערנט: פֿון שטאַפּיל צו שטאַפּיל שטייגט ער אַלעמאָל העכער, ביז ער קומט און זיין רוהה אַריין.

אין דערזעלביגער צייט איז אויך משה געגאַנגען זיין וועג. ווי ער איז אָנגעקומען צו דעם גימנאַזיום אין דער פֿרעמדער שטאָדט, האָבען די לעהרער בודק געווען זיינע פּאַפּירען און האָבען זיך דער־וואוסט, וואָס ער האָט געמאַכט. דאָ איז מען איהם אָנגעפֿאַלען, און די גאַנצע שטאָדט האָט דערפֿון גערעדט, ווי א יודישער יונג האָט זיך געוואָגט, פֿרעמדע אונטערשריפֿטען צו פֿעלשען, און מען האָט איהם געטריבען פֿון אָרט צו אָרט. נאָך איינמאָל האָט זיך דער יונגער מענש געפּרופֿט, אפשר וועט ער אָנקומען אין איין אַקאַדעמיע, וואו מען לערנט זיך מאָלען; אָבער אויך דאָרט האָבען די לעהרער איהם נישט אָנגענומען און האָבען איהם גערופֿען חתימה־פֿעלשער. אַזוי איז משה געוואָרען איין אונטערשריפֿטען פֿעלשער — צוערשט קעגען זיין ווילען, און דאַן מיט'ן אייגענעם ווילען. צוערשט האָט ער געזינדיגט בשוגג, דאַן האָט ער געזינדיגט במזיד. יעדער אָרענטליכער מאַן האָט זיך פֿון איהם דערווייטערט. דעריבער האָט אויך ער זיך דערווייטערט פֿון יעדעם אָרענטליכען מאַן, און אַזוי איז ער געוואָר'ען חבר פֿון יעדען פֿערברעכער און האָט נישט מעהר געוויסענסביסע אין זיך גע־פֿיהלט. אַנפֿאַנגס האָט ער קליינע פֿערברעכען געמאַכט, דאַן אָבער גרעסערע און גרעסערע, ביז ער איז געוואָרען דער אויסוואורף פֿון מענשען. דאַן איז ער געוואָרען אַ סוחר, און קיינער האָט נישט קלאָר געוואוסט מיט וואָס ער האַנדעלט; דאַן איז ער געוואָרען זעהר רייך, און קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי; און ווי מען האָט אָנגעהויבען חוקר ודורש צו זיין, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז משה האָט נאָכגעמאַכט צעהן־רובעלדיגע פּאַפּירליך און האָט מיט דעם פֿאַלשען געלד געהאַנדעלט.

אַזוי איז דער יונגער מענש געגאַנגען נידריגער און נידריגער, באַרג אַראָב.

*

און איינער האָט דעם אַנדערען יאָהרען לאַנג נישט געזעהען...

אבער אמאל איז געקומען דער טאג, און דער בלאנדער יונגער מענש מיט די רויטע באקען און די בלויע אויגען האט ווידער איינמאל דעם יונגען מאן מיט דעם בלייכען געזיכט און די שווארצע האהר נעזעהן — און נאך דעם איינעם מאל האט ער איהם שוין קיינמאל מעהר נישט געזעהען.

דער בלאנדער איז געזעסען אלס פרעזידענט פון איבערען גערינטס־הויז און דער צווייטער איז געשטאנען נעבען דער באנק הינטער דעם אבגעצויימטען ארט. דא האט דער בלאנדער פון א פאפיער, וועלכען ער האט אין דעם האנד געהאלטען, מיט א הויכער שטימע די ווערטער געלייענט: „לויט נעזעטץ פון זיין קייזערליכע מאיעסטעט... משה ישמולעוויטש לפידות, פון יודישען גלויבען... זיעבען און דרייסיג יאהר אלט... געמאכט א מאשינקע אויף נאכצומאכען צעהן־רובעלדינע פאפירליך... זעקס יאהר שווערע ארבייט אין סיביר... אלע רעכטע אננעוואויהרען...” און דער יונגער מאן מיט דעם בלייכען פנים האט ווארט פאר ווארט געהערט מיט זיין אייזערנער רוה און עס האט זיך ביי איהם קיין מוסקעל נישט געריהרט.

זייט דענצמאל אן האט איינער דעם אנדערען נישט מעהר געזעהען; מטות און מסעי האבען זיך פון דענצמאל אן אויף אייביג פונאנדערגעשיידט...

## מעדיצינישע ידיעות.

(וואו אזוי ערנעהרט מען קליינע קינדער?)

אין א איטאליענישער היגיענישער צייטונג געפינען מיר א אינטערעסאנטען ארטיקעל וועגען ערנעהרען קליינע קינדער.

אויף טויזענד מענשען שטארבען געוועהנליך 25; דערוואקסענע 11 אויף טויזענד, קינדער אין ערשטען יאהר 200‰, אין צווייטען — 80‰. די גרויסע שטערבליכקייט פון קליינע קינדער אין דעם ערשטען און צווייטען יאהר פון געבוירען קען מען נור ערקלערען דערמיט, דאס זיי ווערען שלעכט ערנעהרט, זיי בעקומען אזעלכע עסענווארג, וועלכע זי קענען נאך נישט פערדייען און הויבען אן צו קריינקען אויפ'ן מאגען און געדערם, און דאס פיהרט זיי גיך צום טויט. דער מאגען פון א קליין קינד קאן גוט פערדייען וואסער, זאלצען און צוקער, אבער קראכמאל, פעטס און אייוויים — נישט, ערשטענס, ווייל ביז 18-24 חדשים האבען קליינע קינדער נישט אלע צייהן און זענען נישט אים שטאנד גוט איבערצוקייען דאס עסענווארג, און צווייטענס האבען זיי איבערהויפט נאך נישט די מאגענזויערקייטען, וועלכע זענען נויטהיג צום פערדייען. דערפון איז נעדרונגען, אז

1) קינדער ביז 6-7 חדשים מוז מען ערנעהרען נור מיט מילך. און

2) ביז 18-24 חדשים טאר מען נישט זיי געבען אזעלכע מאכלים, וועלכע מען מוז גוט איבערקייען.

אויב די מוטער האט ווענינ צו זייגען, קאן מען צוגעבען דעם קינד קיהמילך. א אס, וועלכע האט ווענינ צו זייגען, איז בעסער צו פערבייטען אויף א אנדערע, וועלכע האט יא צו זייגען.

קינדער פון 8-10 חדשים קען מען שוין געבען עסענווארג, וועלכע האבען אין זיך אסך אייוויים, ווי צום ביישפיעל יויך, אייער, אדער יויך מיט א געלכיל פון א איי צוזאמען. ביז 2 יאהר ברויך מען נישט צו געבען קיין פלייש. קאווע, וויין, ביער אדער בראנפען דארף מען נישט געבען ביז 6 יאהר.

פירות קען מען געבען אסך, אבער נור צייטיגע און זיסע, בעסער איז צו געבען נעקאכטע. פעפער, זענעפט, חריין און אנדערע שטארקע זאכען איז בעסער גאר נישט צו געבען קיין קינדער.

וואס אנבעלאנגט פערשידענע קונסטליך געמאכטע „מעהלען” פאר קינדער איז גאנץ יונגע קינדער פון 2-3 חדשים קען מען געבען נור אזעלכע וועלכע האבען אין זיך נור צוקער, ווי צום ביישפיעל Mellin's Food (מעלינס מעהל).

אנדערע „מעהלען” וועלכע האבען אין זיך פיעל אייוויים, קראכמאל און פעטס קען מען נור געבען עלטערע קינדער. איין־אדער צוויי יעהריגע קינדער קען מען געבען „מעהלען”, וועלכע האבען אין זיך ביז 90 פראצענט אייוויים, ווי דהיינו טראפאן, עוקאווינא, סאנאזא, נוטראזא און עהנליכע. עקסטראקטען, וועלכע ווערען אויסגעארבעט פון בלוט אדער פלייש ווי צום ביישפיעל ליעביק'ס אדער קעמעריק'ס איז בעסער נישט צו געבען, ווייל זיי רייצען זעהר דעם מאגען. העכסטענס קען מען זיי געבען 3-4 יעהרינע קינדער נאך א שווערער קראנקהייט.

די אלע „מעהלען” און עקסטראקטען קאסטען טהייער און א קינד פון 7-8 חדשים קען מען אויסנעצייכענט ערנעהרען אהן זיי מיט מילך אייער און ווייכע זעמיל.

דר. ג. לעווין.

## טעכנישע אנטווארטען.

די בעסטע קאפיר־טינטען ווערען געמאכט פון זאלצען פון גערבזויערקייט און גאלאווע זויערקייטען, דערצו גיט מען צו: א) שוואכע זויערקייטען, בכדי צו האלטען די זאלצען תמיד אין צונאנגענעם צושטאנד; ב) צוקערדיגע און קאמעדיסטי סובסטאנצען, בכדי צו געבען דער טינט א גלאנץ און די פעהיגקייט צו קאפירען; ג) סאליצי־זויערקייט, וואס לאזט ניט די טינט שימלען און ד) פארבען. מיר ראטהען אייך זיך צו קויפען דאס רוסישע ביכיל פון *А. Т. Клинге, чернила* עס קאסט 40 קאפ. איהר וועט דא געפינען אלעס וועגען טינטען און פארבען. דעסגלייכען קויפט אייך דאס ביכיל פון דעמזעלבען מחבר וואס הייסט: *Сапожныя мази, ваксы и. т. п.* עס קאסט 30 קאפ. נר' 4540

## נדבות:

(דורך דער אדמיניסטראציאן „דער יוד” קראקוי).

### פיר דעם יודישען נאציאנאל־פאנד

| | ר' | ק' |
|---|---|---|
| ה' בן ציון סטאליאר | — | 15 |
| ה' ח. לעווין בהתערבו עם א. ווייסמאן | — | 35 |
| ע"י ה' דוד פאליאטשיק נאסף על ב"מ אצל ה' י. גוראלניק | — | 70 |
| „צעירי ציון” בווארשא משתתפים בצערו של הד"ר הירצל על מות אביו ר' יעקב הירצל, ומנדבים | 2 | 80 |
| ה' י. פינקעלשטיין מנאוואמינסק לזכר נשמת אמו | 1 | — |
| ה' ש. גרוים — סענטשא | — | 50 |
| ה' צ. דובאצקי — זלאטאפאל | — | 55 |
| ה' שמואל בעלכאווסקי ע"י ה' מאיר פענזיק | — | 65 |
| ה' מ. שטראסבורג — קוראוו | — | 50 |
| על חתונת הג' אויערבאך נאסף ע"י האחים מיטעלמאן מאת החתן 1 ר', אבות החתן והכלה וה"ה ב"ץ וסופר כ"א 50 ק'. יוסף מיטעלמאן 30 ק', שלמה מיטעלמאן, אלמאן וטאמבאק כ"א 25 ק', לערנער 15 ק', ונדבות שונות | 4 | 57 |
| ה' פ. זילבעראנג לזכר אירושיו | 1 | — |
| ה' מאיר גארלאוועצקי | — | 90 |
| על משתה האירושין של ה' ח"ל צענטנער | 1 | 10 |
| | 14 | 77 |

געזאמעלט פון מ. בערקאוויטש, קראקא, פאר פערשידענע געפעליגקייטען 1, 60 קר'.

בס"ה 70 507 ר'; 15, 28 קר'; 99, 57 פראנק.

### פיר די ערד־ארבייטער אין א"י:

על חתונת ה' אייזיק וראבינאוויטש ולאה קרוצעל נאסף ע"י ה"ה קרוצעל וגאלדווינג 3 רו"כ.

## בריעפקאסטעז דער אדמיניסטראציאז

צום „אבאנענט פון די נומערן 2835,5973": די מעשה מיט דער אקציע קאנט איהר נור דרוקען אלס מודעה; אונזער אדמיניסט־ראציע דרוקט נור די נדבות. וועלכע זי האט ערהאלטען.

ה' ש. פ. — שעפעטאווקא: מיר פערשטעהען אייך נישט וואס איהר מיינט. יאונטער דעם נאמען וואס איהר שרייבט ערשיינט קיין צייטונג נישט.

ה' מ. ל. — ליבוי: יעדע אפאטהעקע וועט אייך רעקאמאנדי־רען אזעלכע מיטלען; נישט גראדע וואס עס רעקלאמירט זיך שטארק דאס איז גוט.

נו' 4502 — דווינסק: אייך פעהלען, ליעבער פריינד, בלעט־טער צו אפט: זעהט נור צי איהר האט נישט אמאל א שותף צום בלאט...

ה' י. ר. — קיעוו און אנדערע: דאס 7־טע העפט פאמיליע איז פונאנדערגעשיקט געווארען מיט דעם יוד נו' 31, און ע"פ טעות איז געוועזן געדרוקט אין יוד נו' 20 אז עס איז פונאנדערגעשיקט גע־ווארען מיט דער נו' 27.

ה' מ. נ. — טעטיעוו: מיר זאלען אייך שיקען „פאר 15 ק' א דייטשעס ביכעל". עס איז גרינג צו זאגען; ווי זאל אבער הייסען דאס דייטשע ביכעל?

ה' מ. ז. ש. (3518) פאסוואל: איהר האט צוצושיקען ביז ענדע יאהר נאך 25 ק'; פיר אייערע עצות דאנקען מיר אייך זעהר.

נו' 2792 — קירילאוו: אין רוסישען זענען מעהר ניט ערשיע־נען ווי 4 טאמען וועלכע קאסטען 8 ר' און אין להק קאסטען אלע בענדער צוזאמען 20 ר'.

נו' 3744 — פאוואלאטשי: איהר האט דאס רעכט צו בעקומען נאך 1 עקזעמפלאר „וועלטגעשיכטע" פאר 1.50 ר'. — נו' 46 פון פאריגעם יאהר איז דא; פרייז 15 ק'.

נו' 3661 — אנאניעוו: איהר האט דאס ערשטע מאל אייך מעהר נישט געשיקט ווי 3 רו"כ; פון אייך קומט אלזא נאך צו 50 קפ'.

ה' מ. ש. — שצוצין: מיר האבען פיר אייך די צייטונג אויס־געשריבען פיר 2 ר' איין 1/4 יאהר פון 1/5 ביז 1/8 נאך אם 25/4 און מיר פערשטעהען נישט וואס איהר האט זיך יעצט דערמאהנט. שרייבט צייטליכער וואס איהר ווילט.

אבאנענט נו' 5534: מיר וואלטען אייך ראטהען זיך צו ווענדען מיט אייער פראגע אן: Комитету Колонизаціоннаго Общества С.-Петербургъ, Заматинъ пер. 4.

---



## רשימת ספרים חדשים גם ישנים שנכנסו לבתי מסחר הספרים של „חברת אחיאסף", ווארשא

א) טוואַרדא נו' 6. ב) נאלעווקי איוואנאוו־באזאר.

| | |
|---|---|
| אוצר לשון חכמים, כולל יותר משבעת אלפים אמרי חז"ל הפזורים בתלמוד בבלי וירושלמי וכו' מאת ק. א. פערלא | 1 50 |
| בינה בספר איוב, או שיט למלגלג, מאת מ. ש. קאזארנאוו | — 15 |
| בירניקה, מאת שומאכער תרגום ד. פרישמאן ספור בתקופת חרבן ירושלים | 1 70 |
| גן שעשועים, לילדי ישרון עם הוספות ותקונים רבים מאת א. ראזענפעלד | — 90 |
| ילקוט בית הספר, של משה שלום המכונה קאזארנאוו | — 15 |
| מסלה חדשה, דרך קלה בלמוד שפ"ע מאת מ. וואלפער מכ' | — 50 |
| מפתח לספר מסלה חדשה | — 20 |
| מחברות לנטית השמות הפעלים והכנוים, מאת ל. זועל־דעס שש חוברות | — 60 |
| מחזה מול מחזה, או על הצדיקים ועל התסידים, נ. יאסנאגאראדסקי | — 5 |
| סביב הארץ בשמונים יום, מאת זול בירן | — 40 |
| ספר מכתבים השלם, מאת א. מ. פיורקא | — 10 |
| ספרי ח. ז. סלאנימסקי, 1) מאמרי חכמה שלשה חלקים עם ציורים רבים רק | — 60 |
| " " 2) אות זכרון לאלכנדר הומבאלד, קורות ימי חייו | — 20 |
| " " 3) יסודי העבור, והוא חשבון העבור לבני ישראל רק | — 30 |
| ספרי ר' יצחק בער לעווענזאהן, 1) בית יהודה, הוצאה חדשה עם תמונת דמחבר ב"ח | 1 50 |
| " " 2) תעודה בישראל | 1 — |
| שבט סופר השלם, מכתבים חדשים מאת א. מ. פיורקא | — 15 |
| שבילי ארץ רוסיה, נהרותיה ונחליה ומספר יושביה וכו' ב"ח | — 40 |
| שירי ציון, מאת צבי הירש יאנאטאנזאהן | — 50 |
| שער בת רבים, על התורה כולל ביאורים אשר נלקטו מבהירי המפרשים ראשונים ואחרונים הוצ' שניה בהוספות רבות ה' חלקים | 1 60 |
| טל ילדות ללמד בנ"י ראשית דעת, מאת זאב יעבץ | — 20 |
| דברי הימים לבני ישראל, מאת א. בן יהודה הוצ' חדשה | — 60 |
| פראנק ועדתו, מאת א. קרויזהאאר | 1 20 |
| ידיעות הטבע, מאת א. בערנשטיין העתקת ד. פרישמאן | 2 — |
| החימיה בחיי יום יום, שנים עשר מאמרים עם ציורים תרגום פ. קונטרוביץ | — 50 |
| מכתמים וחדודים, אסף שיחות עקיצות וחדודים מאת י. ליפסקי | — 40 |
| באסני קרילאוו, איבערזעצט אין זשארגאן דורך י. זינגער 2 טהייל | — 15 |
| דאס שטריימעל, פון י. ל. פרץ | — 3 |

ק' ר'.

| | |
|---|---|
| וואס טהוט זיך אויף דער וועלט. פון ד"ר ציגבערג אנשטאט 50 ק' נור | — 25 |
| חיים משרת א בילד פון לעבען פון ד. פינסקי | — 3 |
| העלדען פון ירושלים, א היסטארישער ראמאן נאך ד. מארדאווצעוו | — 40 |
| דער פינפטער ציוניסטען קאנגרעס פון ר. קאמאיקא | — 20 |
| דער 20־טער יאהר הונדערט א זאמעלבוך פיר ליטע־ראטור וויסענשאפט פון א רייזען, י. קאפלאן | — 30 |
| שארית ישראל, אין 3 טהייל זשארגאן פון י. מז"ח | — 45 |
| שפיעגעל פיר אלע, איין ליטערארישעס בוך פון אד"ם | — 10 |
| היגיענישע ביבליאטהעק נו' 2. פון ד"ר יעוונין היגיענע פון חדר | — 20 |
| פרץ'ס שריפטען, יובילעאום אויסגאבע, פערבליעבען א קליינע צאהל עקז. מיט פארטא | 2 — |
| " געבונדען אין פראכט איינבונד מיט פארטא | 2 50 |
| יודישע פאלקסלידער, א זאמעל־בוך פון גינזבערג און מארעק | 1 — |

(המשך יבא).

כל המקחים הם לבד פארטא.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

**Verlag „Achiasaf", Warschau.**



Verlag „Achiasaf". Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer, Krakau

אין ענגלאנד איז צו אבאָנירען דעם „יוד" און „די יודישע פאמיליע" אויך אַלע אויסגאבען „אחיאסף"
ביי: R. Mazin & Co. London 59 Old Montague str. 59

כרטיסי־הפוסט עם ציורים

יודישע אנזיכטס־קארטען.

Еврейскіе открытые письма

**Pocztówki z widokami żydowskie**

**Jüdische Ansichtskarten**

קונסטפאלל אויסגעפיהרט

אין זעהר גראָסען אויסוואהל

מיט דער פירמא **פערלאג אחיאסף ווארשא.**

איז אנגעקומען אונד ווערט פערקויפט אין „אחיאסף־ס"

בוכהאנדלונגען אין ווארשא: טווארדא נו׳ 6

נאלעווקי איוואַנאָווים באַזאַר.

בהוצאת בית מסחר הספרים של האחים בלעטניצקי באדעסא

איז ערשיענען פון דרוק א נייע פיעל פערבעסערטע און פערמעהרטע פאלקאָ־מענע אויסגאבע

## קארטא פאלעסטינא פון י. י. לינעצקי

דיזע קארטא ענטהאלט: אלע שטעדט, שטעדטליך, קאלאָניען, מיט אלע נייעסטע קאלאָניען, טייכען, טייכליך ב א ר ץ ה ק ד ו ש ה, א. ז. וו. די קארטא איז פראַכט־פאָלל געדרוקט אין 8 שענע פאַרבען. די גרויס איז: 1 אַרשין ין לענג ¾ ארשין די ברייט. פרייז מיט פאָרטאָ 40 קאָפּ. לסוחרים ראַבאַט. ווייניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט. ביז 2 רובל קען מען שיקען מיט פאָסטמארקען אדרעס: 570

*Въ книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.*

487

## האנדעלס שולע מיט פענסיאָנאַט

גאילינגען אם רהיין, באַדען.

קאנצעסיאנירט פאָן דעם מיניסטעריום דעם גראָסהערצאָגטהום באַדען אונר אונ־טער אויפזיכט דערזעלבען. ערציעהונג שטרענג רעליגיעז. — פאָלשטענדיגע האנדעלסבילדונג. אונטעררוכט דער דייטשען, פראנצויזישען, ענגלישען, איטאליע־נישען אונד רוססישען שפראַכע. פראַכטפאָללע געזונדע לאגע. בעסטע רעפערענצען.

**דירעקטאר א. ראססמאַן.**

## ראַזירען אהנע מעססער!!!

ענדליך איז ערפונדען א נייער סארט ראזיער פורער וועלכען אלע מיינע געעהרטע קונדען האבען פערלאנגט! וויים ווי שנעע, שמעקט ווי פארפום זייף, און עס ווירקט גאָר נישט אויף די הויט. אין א פאאר מינוטען קען יעדער מענש זיך זעלבסט ראַזירען אָהנע מעססער. די האָהר פאלען אויס און די הויט בלייבט זויבער ווייס. איינע שאכטעל קאָסט 2,50 פראנק, 2,40 קראָנען, 2 מארק, 2 שילינג, 1 רובל. 3 שאכטעלן 2 רובל, 12 שאכטעלן 5 רובל, 24 שאכטעלן 8 רובל. געלד מוז מען פאָראויס איינשיקען. פער נאכ־נאהמע ווירד ניכט געשיקט.

**J. B. Sakolsky, Dageraad plaats 30. Antwerpen** (Belgien).

## שפיגעל־פאבריק

## ל. אידעלזאָהן, ווארשא

ביעלאַנסקא נו׳ 1

עמפפעהלט זיין גראָססעס לאַגער פאָן שפיגעל, שפיגעל־גלאָס, טרוימאָס אין דעטאיל אונד ענגרא.
466

## ЛЕЧЕБНИЦА — LECZNICA

ווארשא, מוראנאווסקא 3

אין דער ניי געעפנעטער הייל־אנשטאלט (ווארשא מוראנאווסקא 3) ווערען טעגליך אנגענומען קראנקע דורך פערשיעדענע דאקטוירים — ספעציאליסטען:

דר. אפענהיים — פאַר האלז־נאַזע און אהרענקראַנקהייטען

דר. ביחאוסקי — פאַר אינערליכע און נערווענקראַנקהייטען

דר. סאלאווייציק — פאַר חירורגישע קראַנקהייטען

דר. סטערלינג — פאַר הויט און געשלעכטסקראַנקהייטען

דר. ז. ענדעלמאַן — פאַר פרויענקראַנקהייטען

דר. ל. ענדעלמאַן — און דר. פיינשטיין פאַר אויגען־קראַנקהייטען

דר. פאליקיער — פאַר קינדער־קראַנקהייטען

דר. רובין — פאַר מאגען־ און דאַרמקראַנקהייטען.

586 פרייז 30 קאפּ.

# MARGULIES i TUGENDREICH

**Warszawa, Chłodna Nr. 2.**

(Маргулисъ и Тугендрейхъ, Варшава, Холодная 2)

הויפטלאגער דער אנילין־פארבענפאבריק

# Spiechowski i Hordliczka

**Z G I E R Z**

עמפפיהלט:

א נ י ל י נ פ א ר ב ע ן דירעקטציהענד אויף בוימוואללע, האלבוואללע, וואָללע אונד זיידע אין דערזעלבען קוואליטעט ווי אויסלאַנדישע פאַרבען, זעהר קאנצענטרירט.
588

פערקויף אנגרא אונד דעטאיל.

## Г. Елисаветградъ

Для еврейскаго женскаго профессіональнаго училища требуется опытная завѣдующая (еврейка) профессіональнымъ отдѣленіемъ (женское портняжное ремесло). Обращаться къ городскому раввину В. Г. Темкину, Елисаветградъ.

Для нѣжности и мягкости кожи рукъ и лица

**СГУШЕННЫЙ ГЛИЦЕРИНЪ**

приготовленнаго Лабораторіей А. Энглундъ.

*Цѣна 30 коп., съ пересылкой 2-хъ трубочекъ 1 руб.*

*Завѣдующіе Лабораторіею Докторъ В. К. Панченко и А. К. Энглундъ.*

*Для предупрежденія поддѣлокъ прошу обратить особенное вниманіе на подпись А. Энглундъ красными чернилами и марку С.-Петербургской Косметической Лабораторіи, которыя имѣются на всѣхъ препаратахъ. Получать можно во всѣхъ лучшихъ аптекахъ, аптекарскихъ, косметическихъ и парфюмерныхъ складахъ Россійской Имперіи. Главныя агентства и склады фирмы для Европы: Емиль Беръ, Гамбургъ; для Южной и Сѣверной Америки: Л. Мишнеръ, Нью-Іоркъ. Главный складъ для всей Россіи А. Энглундъ. С.-Петербургъ, Бассейная улица 27.*

לבעלי בריתי לזכרון תמיד!!!

אדריסתי היא רק בת ג׳ מלים: Я. Нейдичъ Варшава.

פראָספעקט ישולח חנם לכל דורש







564 פאַבריקס-סטעמפּעל.

פאָדערט „גריפּ" מיט דעם גלאָבוס פערהאלט יעדע פליג וועלכע ריהרט זיך נור צו. 564

צו היטען זיך פון נאכגעמאכטע

ווער עס האָט נישט אויספּרובירט ד אֶמתיע ענגלישע פאפיער, נעהמט די נאָכגעמאכטע וועלכע סוחרים פערקויפען מיט א גרעסערען פערדיענסט. רעפּרעזענטאנט פאר רוסלאנד מ״ג. מאמלעק אין ווארשא און אין סאסנאוויץ (פעטראָקויער גוב).

בוכהאנדלונג און ביבליאָטהעק „איזראַעליט" אין ווילנא

רודניצקער שטר., הייז ש פירא.

פון אלע מינים ביכער אין פערשיעדענע שפּראַכען מעטהאָדען און לעהרביכער ספרי דרוש מחקר ומדע, מליצה ושיר חנוך ולמוד אויך ספרי רומעל פון ווילנער און פרעמדע דרוקען און אלע אַרטיקלען וועלכע געהערען צו אַ יודישע בוכהאַנדלונג ווי טליתים, ציצית, תפלין, בילדער, וואונטשקאַרטען א. ז. וו. 568

ציוניסטישע פעראיינען, מלמדים לעהרער און בוכהענדלער בעקימען אַ גרויסען ראַבאַט. די בוכהאַנדלונג קויפט אויך אַלטע ביכער און בייט אוים לויט פערלאַנג. צו יעדער בעשטעלונג ווערט געפאָדערט האנדגעלד 10% פון ווערטה. אדרעס פון בוכהענדלער

*Соломону Функу Книжный маг. „Израелитъ" Вильна, Рудницкая ул. д. Шапиро.*

הלכה למעשה

אלמד (פערזענליך) את הבוכהאלטונג הכפולה וחשבונות המסחר לכל פרטיהם בשכר מצער. גם נערים בני 15 שנה יוכלו לקנות אצלי ידיעה שלמה בזמן קצר. 556

*Павья 7 кв. 2, Бухфиреръ.*

(במעוני ימצאוני משעה 3 עד 6 ביום).

מעשענע שטעמפעל

און שטאנסען צו זייף און צו אנדערע פאַבריקאַטען גוט און ביליג, ביי

А. Мокъ, Варшава

544 Купеческая 12.

איך שיק אויך פער נאכנאהמע.

ווער עס וויל האָבען א געזונטען מאָגען זאָל קומען צו מיר מיטאָגעי ווער עס וויל האָבען פרישע עסען זאָל מיין אַדרעסע נישט פערגעסען ל. לעווין גענשא 18, פּארטער. 581

לאדז

דר. מ. זילברשטראם

וואָהנט יעצט אין דער ציעגעלשטראַסע נומ׳ 25 הויז פאָן ה׳ יוליוס ראָזענטהאַל. 580

סטעמפעל גראַווער חתימות און שטאַנסען צו זייף און צו אַנדערע פאַבריקאַטען גוט און ביליג פערפערטיגע




ВАРШАВА

Гусья 5. —

איך שיק אויך פער נאַכנאַהמע.

פריילינען און דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען און נייהען אין אַ קירצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש און דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע און די גרינגסטע. אפילו 12 יאהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע. ניט זוימט און פרעגט אן ביי

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ,

507 Варшава.

הוצאת חברת „אחיאסף".

**על פרשת דרכים**

קובץ מאמרים מאת אחד-העם

מהדורה חדשה

בשני חלקים

כולל כל המאמרים של אחד העם שבאו בדפוס עד הזמן האחרון.

יצא לאור החלק הראשון

עם הקדמה חדשה מאת המחבר.

נדפס בברלין בדפוס משובח ועל ניר טוב.

מחירו 1,25 ר׳, עם פּארטא 1,35.

מכורך 1,55 ר׳, עם פּארטא 1,65.

Издательство „Ахіасафъ", Варшава.

Verlag „Achiasaf", Warschau.

איזראעליטישע רעאל אונד האנדעלסשוהלע נעבסט פענסיאנאט צו פפינגשטאדט ביי דארמשטאדט.

די שילער (פאן 8 ביז 15 יאהרען) ערהאַלטען גרינדליכע וויסענשאַפטליכע אויסבילדונג אונד רעליגיעזע ערציהונג. בעסטע רעפערענצען ביי הערפאָרראגענדען מאָננערן דעם אין-אונד-אויסלאנדעס, זאָוויע ביי פריהערען שילערן, די זיך אין אַנגעזעהענען שטעללונגען בעפינדען.

505 נעהערעס דורך דירעקטאר ד״ר בארנאס.

אלע סאָרטען

**פילצשטאפען**

צור פאַבריקאציאָן פאָן פאנטאפעל, היטען אד״ג. עמפפעהלט:

ROBERT WILCZYŃSKI

וואַרשוי לעשנא נו׳ 4.

דאזעלבסט בעקאָמט מאן נעהמאשינען דירעקט אוים די פאַבריקען בערנהארד סטעווער, גריצנער עט ווינדזעלמאן.

פרייזקוראַנטען גראַטיס און פראַנקאָ.